STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02539

DER YIDISH LEHRER

M. Krinski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ביכער-פאר-אלע“ ווארשע.

מ. קרינסקי.

דער יודיש לעהרער

ערשטער טייל.

פיערטע אויסגעבעסערטע אויפלאגע

פיבעל א פאלשטענדיגער קורס צום ערלערנען לעזען און שרייבען יודיש און העבראיש, מיט פיעל איללוסטראציעס.

חרעסטאמאטיע פיעל ערצעהלונגען, בעשרייבונגען, לידער און נאטען.

בריעפענשטעלער מוסטערן פון אלערליי בריעף, וואס ווערען אפט בענוצט אין לעבען.

ווארשע. — תרס"ח.

דרוק „האור“, ווארשע, דלוגע 11.

ДЕРЪ ЮДИШЪ-ЛЕРЕРЪ

Букварь и Хрестоматія

на разговорно-евр. языкѣ

Составилъ М. КРИНСКІЙ.

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Долгая 11.

Типографія М. Кринскаго, Варшава, Долгая № 11.

1908.

פאָרוואָרט.

אַנאַלפאַבעטען, ד. ה. מענשען, וועלכע קענען ניט לעזען און שרייבען און האָבען ניט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זייער גייסט דורך דער ליטעראַטור, וואָס איז געשריבען אויף זייער אייגענעם לשון, אויף וועלכען זיי רעדען און פערשטעהען, — געפינען מיר אין דער יודישער פאָלקס־מאַסע זעהר פיעל, ניט נאָר צווישען די אָרעמע דיענסט־מעדלעך אָדער פאַבריקען־אַרבייטאָרינס, וועלכע האָבען ניט געהאַט אַמאָל די געלעגענהייט צו זעהן אַ'ן אַלף פאַר די אויגען. נאָר אויך צווישען די מענער אַרבייטער, וועלכע האָבען געוויס אין דער קינדהייט געלערענט אין חדר און פערשטעהען צו דאַווענען און זאָגען „עבֿרי" פון „סידור", פון „מחזור" און זענען אַמאָל אַפילו ניט „טעמפּינ" אין די עברי פון „תּרגום". — דיעזע ערשיינונג ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די „עבֿרי־קענער", וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געלערענט לעזען אַ'נאַנדער שפּראַך אויסער העבּרעאיש, פערשטעהען נאָר די מאַכינאַציע פון'ם צוזאַמענבינדען אותיות מיט נקודות, אָבער ניט אותיות מיט וואָקאַל־בוכשטאַבען. דעריבער וועלען זיי איבערלעזען די ווערטער: מַ־מֶ, פָּ־טֶר, ווען זיי זענען געשריבען מיט נקודות, און קענען ניט לעזען די זעלבע ווערטער, ווען זיי זענען געשריבען מיט לויט־בוכשטאַבען מאַ־מע, פאָ־טער וכדומה.

צו בעוואונדערען איז דאָס, וואָס אונזערע יודישע לעהרער, וועלכע ביגלוקען אונז יאָהר יעהרליך מיט עטליכע צעהנדליג נייע תּחנות און אַפּאָר שאָק בָּבָא מַעשׂיות און גלייכצייטיג מיט טויזענדער עקזעמפּליאַרען „אלף־בּית'ן צו'ם לערנען „עבֿרי" אין לאָזען דערמיט ניט אַריינדרינגען אין „חדר" וועלכע ניט איז מעטאָדע צו'ם לערנען לעזען העבּרעאיש סיסטעמאַטיש, האָבען ניט געפינען פאַר נויטיג אַמאָל אָבדרוקען אַבּ־וועניגסטען אַ זשאַרגאָנישען „אַלף־בּית", ד. ה. אָנשטאָט בָּ, בַּ, בֶּ — באָ, באַ, בע, און אַזוי ווייטער, ווער רעדט וועגען אַ מעטאָדע צו'ם סיסטעמאַטישען לערנען לעזען און שרייבען זשאַרגאָן, כּדי דער שילער זאָל ניט דאַרפען אומזיסט און אומנישט ברעכען אַ לענגערע צייט דעם קאָפּ, ביז ער וועט זוכה זיין עפּעס צו געניסען — איז גאָר לית מאַן דכר שמה! און אַזוי איז ביז יעצט געבליבען דאָס לערנען לעזען זשאַרגאָן אַ מין „תּורה שבעל פּה" רחמנא ליצלן, וועלכע פאָדערט דאַדורך פיעל מיה און געדולד, כּדי צו איינבייסען אַזאַ שווערען ביסען. און דעריבער טרעפט גאַנץ אָפט, אַז די אָרעמע אַנאַלפאַבעטען פאַנגען אָן ווי ניט איז צו לערנען לעזען, נאָר נאָך דעם ווי זיי פּלאָגען זיך אָב אַ פּאָר וואָכען און שוויצען זיך גוט דורך, פערליערען זיי און גאַנצען דעם חשק און הערען אויף צו לערנען.

„דער יודיש לעהרער" קומט צו בעזייטיגען דיעזען מאַנגעל און דער

יידישער ליטעראטור און צו געבען די מעגליכקייט סיסטעמאטיש אין א קורצע צייט אהן בעזונדערע מיה און קאפדרעהעניש אויסצולערנען גרינדליך און געלויפיג לעזען און שרייבען יידיש.

נאר לעזען יידיש, ניט קענענדיג לעזען העברעאיש, איז פאסט אונמעגליך, ווייל אין זשארגאן קומען אריין זעהר פיעל העברעאישע ווערטער, און דער לעזער בעגעגענט זיך אויף יעדער שריט מיט א העברעאיש ווארט, וועלכעס שרייבט זיך מיט דער העברעאישער ארטאגראפיע. און ווייל מיט דיעזען בוך קען זיך אויך בענוצען א קינד, וועלכעס האט נאך קיינמאל ניט געלערענט קיין „עברי", אדער אמאל אנ'ערוואקסענער, וועלכער איז שוואך אין „עברי", דעריבער האבען מיר געפונען פאר נויטיג אריינברענגען אין דיעזען לעהר=בוך א גאנץ בעזונדער אבטהיילונג, וועלכע בעשעפטיגט זיך ספעציעל מיט'ן לערנען לעזען העברעאיש. נאר כדי די שילער זאל ניט פארקומען צו לעזען גאנץ אונבעקאנטעס און אונפערשטענדליכעס, האבען מיר דעריבער אלס איבונגען בענוצט אזעלכע העברעאישע ווערטער, וועלכע קומען גאנץ אפט אריין אין געוועהנליכען יידישען געשפרעך. צב"ש: „אביון", אהבה", „בקשה", און אזוי ו'. אויסער דעם האבען מיר צו דיעזען צוועק געבראכט נאך יעדער העברעאישער לעקציאן א רעטעניש אדער א וויץ, כדי צו מבדח זיין א ביסעל די שילער. די העברעאישע ווערטער האבען מיר געשטעלט אין אלף=בית=ארדנונג, כדי די שילער זאלען זיי קענען לייכט אבזוכען, ווען זיי וועט ביי'ם שרייבען אמאל אינטערעסירען צו וויסען די ריכטיגע ארטאגראפיע פון וועלכען ניט איז ווארט.

אין אלגעמיין איז „דער יידיש לעהרער" איינגעטהיילט אין דריי אבטהיילונגען. די ערשטע בעשטעהט פון 10 לעקציאנען, וועלכע שטעלען פאר אנ'אויספיהרליכען סיסטעמאטישען קורס פון לעזען און שרייבען יידיש. דער טהייל איז איליוסטרירט. די צווייטע אבטהיילונג ענטהאלט 10 לעקציאנען, וועלכע פיהרען סיסטעמאטיש דורך א פאלשטענדיגען קורס פונ'ם העברעאישען לעזען. (ביי די ביידע אבטהיילונגען האבען מיר אויך געבראכט עטוואס טהעאריע, וועלכע איז אייגענטליך בעשטימט מעהר פאר'ן לעהרער, אלס פאר דעם שילער). די דריטע אבטהיילונג ענטהאלט א קליינע חרעסטאמאטיע, ד. ה. א זאמלונג פון פערשיעדענע קליינע אנציהענדע לעזע=שטיקער און שירים, ארויסגענומענע פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער, ווי אויך פון דער ביבעל, תלמוד און מדרשים און פון אנדערע קוועלען.

אין „דעם יידיש לעהרער" האבען מיר נעגעבען די שילער די מעגליכקייט אויסצולערנען זיך לעזען יידיש ניט נאר האלב פונקטירט, ווי עס דרוקען זיך אין דער לעצטער צייט די זשארגאנישע צייטונגען, נאר אויך אהן נקודות, ווי עס קומט פאר אין

נעוועהנליכע בריעף, וועלכע עס איז אונמעגליך צו פונקטירען. (וועגען דער ניט פראקטישער זייט פון די אנגענומענע „חצי נקודות" וועלען מיר רעדען אין א בעזונדער ארטיקעל). דעריבער האבען מיר אויסגעשלאסען פון בוך אלע אונגויטיגע נקודות, איבערלאזענדיג בלויז „אָ" און „ײַ", וועלכע זענען נויטיג, כדי אבצוטיילען פון „א" און „יי", וועלכע לעזען זיך אלס פַּתָּח און צֵירֶה. צו'ם ביישפיעל: דאָרף, וואָרט, לייב, ווײַן, קומען געפינטעלט מיט קָמֵץ און פַּתָּח כדי אבצוטיילען פון דארף,ווארט, לייב, וויין, און אזוי וו. (דער „א", וועלכער קומט אָהן א נקודה, לעזט זיך אימער אלס פַּתָּח, און די „יי" אָהן א נקודה לעזען זיך אלס צֵירֶה.

דער „יוד" לעזט זיך אימער אלס i, צב"ש „בין", ניט", נאר ווען ער קומט פאר אַן אַנדער וואָקאל, ווערט ער אויסגעשפראָכען ווייכער, אלס „j", צב"ש: „יעדער", „יאהר", און אזוי וו. דאסגלייכען ווען דער „יוד" קומט אם אנפאנג וואָרט פאר א „יוד", ווערט ער אויך אויסגעשפראָכען ווייך, ווי געוועהנליך פאר א וואָקאל, און לעזט זיך אלס „j", צב"ש: „יידען", „יידיש", „יינגל", „יונגער", פון „יוד" „יודיש", „יונגע" „יונג".

דער „ל" ווערט געוועהנליך אין זשארגאן אויסגעשפראָכען הארט, ווי: „לעשען", „לעדער" וכדומה, און די שטעלען, וואו דער „ל" הערט זיך ווייך, שרייבט מען נאך איהם א „יוד", צב"ש: „פיסטאָליעט, „בראָסליעט, און דאס גלייכען.

וויַיל מיט דיעזען לעהר=בוך מוזען זיך פאָרלויפיג בענוצען שילער פון פערשיעדענעם עלטער און ענטוויקלונג, האבען מיר בכלל בעאָבאכטעט איהם צוזאמענשטעלען אויף אזא ארט, דאס ער זאל ניט זיין צו לאנגוויילינג פאר די מעהר ענטוויקעלטע און צו הויך פאר די וועניגער ענטוויקעלטע שילער.

ווי וויַיט אונזער ערשטער נסיון צוזאמענשטעלען א לעהר=בוך פאר'ן יידישען לעזען און שרייבען האט אונז געלונגען, וועגען דעם וועלען משפט'ן אנדערע, מיר קענען נאר זאגען, דאס מיר האבען זיך ערנסט איבערגעגעבען צו דיעזער אויפגאבע און האבען ניט געשפאָרט קיין מיה, כדי צו בעקעמפפען אלע שווערע בעדינגונגען, וועלכע מיר האבען דא בעגעגענט. אלע וויכטיגע פעדאגאגישע אנמערקונגען ווי דאס בוך אויסצונוצען, וועלען מיר מיט דאנק אנגעהמען און וועלען זיך בעמיהען צו פערריכטען אלע אנגעצייגטע פעהלערען ביי די קומענדיגע אויפלאגען.

ווארשא, 10 אפריל 1906.

מ. קרינסקי.

אנמערקונג: ביי דער פיערטער אויפלאגע האבען מיר פיעל פערגרעסערט דעם לעזע מאטעריאל און אויך צוגעגעבען א פיערטע אבטיילונג, וועלכע ענטהאלט א גאנצען קורס פון בריעף, וועלכע ווערען אם מייסטען געברויכט אין לעבען.

אינהאלט.

ערשטע אבטיילונג.

זייטע

רעדען, שרייבען און לעזען . 1

1) ו, נ, ס 3

2) ז, פ, ק, א 4

3) ר, מ, ל, ע, ן, אי . . 5

4) ב, ג, ר או 8

5) וו, ט, ש, ם, ף . . 11

6) יי, ײַ, וי 15

7) ח, כ, צ, ק, ץ . . 18

8) ה, יא, יאָ, יע, יו. . . 22

9) אָה, אה, וה, יע . . 26

10) טש, זש, וואו, אויפ'ן . 30

11) די קראָה 33

12) דער קאָפּ און דאָס היטל . —

13) זעהר קלוג 34

14) די זון און דער רעגענבויגען . —

15) צוויי איינגעשפּארטע בעק . 35

16) די האָר זענען ניט מיינע . 36

17) דער קעניג פון די בוימער . —

18) לויטצייכען 37

19) מיטלויטער 38

20) שלום-בוכשטאבען 39

21) הארטע און ווייכע לויטצייכען —

22) קורצע און לאנגע לויטצייכען —

23) אַלֶף ביים אָנפאנג וואָרט . 40

24) ב—פ, ג—ק, ד—ט, וו—פ ביים ענדע וואָרט. —

25) זילבע . . . . —

26) דאָס איבערטראָגען פון א וואָרט אויף א צווייטע ציילע . 41

27) פונקטאציאָנסצייכען 41

28) פינף און צוואנציג פינגער . 42

צווייטע אבטיילונג.

29) אותיות און נְקוּדוֹת . . . 43

30) שְׁוָא . . . . —

31) בוכשטאבען, וועלכע ווערען גלייך אויסגעשפּראָכען און פערשידען געשריבען. 44

32) א ה "י ע . . . . . . —

33) לויטלאָזע בוכשטאבען . . 45

34) א ה "י ע ביים ענדע וואָרט . —

35) חַ ביים ענדע וואָרט . . 46

36) חֲטָף . . . . —

37) דָגֵש . . . . —

38) אָרטאָגראפהיע . . . . . —

39) אַלֶף־בֵית 47

40) העבּרעאישע ווערטער איינזילבּיגע 48

41) העבּרעאישע ווערטער צווייזילבּיגע —

42) שְׁוָא [ביים אָנפאנג און ענדע זילבע]. 49

43) חֲטָף, דָגֵש, חַ ביי'ם ענדע וואָרט. —

44) מענער און פרויען נעמען . 50

45) העברעאישע ווערטער אין אַלֶף־בֵית־אָרדנונג (א—י). —

46) כנ"ל — (כ—ס) 51

47) כנ"ל (ע—ת) . . . . . —

48) חֳדָשִׁים, יָמִים טוֹבִים, תְּפִלּוֹת און שול־זאכען . 52

49) איבונגען אין געמישטען לעזען. 53

50) כנ"ל . . . . —

דריטע אבטיילונג.

זייטע

51) ברידער. י. ל. פרץ 55

52) רַבָּה און די ארבייטער. (בבא מציעא פ"ג, א'). —

53) אויסגעוואקסען 56

54) געה אין חֵדֶר . . . . . —

55) רַב שְׁמוּאֵל בַּר סַפַּרְטִי (בבא מציעא). 57

56) אֱמֶת און שֶׁקֶר. י. ל. פרץ . —

57) וואונדער 58

58) די זון איז אויפגעגאנגען. ט. מ. ווארשאווסקי. —

59) פריהלינגצייט ש. י. אבראמאוויטש. —

60) רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר. (דברים רבה, פ"ג) 59

61) אויף דער לינקער זַייט. . 60

62) נישט ווַייט איז שוין דער פריהלינג. י. ל. פרץ. 61

63) פריהלינג. ש. פרוג. . . —

64) מאי. מארים ראזענפעלד . . 62

65) דער קלוגער דינער (ויקרא רבה, ל"ג) —

66) הארט און ווייך. (חנ"ל) , 63

67) דער וואָלף און דאָס לעמעל. —

68) אויף די גערטנער אויף די פעלדער. ש. פרוג. 64

69) פרעהליך זינגען אלע פויגעלעך. א. רויזען. 65

70) בְּרוּרְיָה (ילק"ש משלי ל"א) . . —

71) גַם זוּ לְטוֹבָה (ברכות ס') . . 66

72) זומער טאָג ש. י. אבראמאוויטש. 67

73) קום אין וואלד. א. רויזען . 68

74) דער קאנאריק. מארים ראזענפעלד 69

75) זומער רעגען שלום אש . . —

76) דער פערד און דער קעמעל. 70

77) זומער פאר נאכט. ש. י. אבראמאוויטש 71

78) זומער נאכט. ש. פרוג . . . 73

79) עס לַייכטען די שטערען. י. י. פראפּס —

80) אלץ שלאָפט. מארים ראזענפעלד. 74

81) דער שווינדעל ענטדעקט. (ויקרא רבה פ"ז). —

82) דאָס העמד 75

83) הערבסט מאָטיוו. . . . 76

84) הערבסט נאכט. נאך ש. פרוג. —

85) איך שטעה בַּיי דעם וואלד. י. י. פראָפּס. 77

86) שפּאָרזאמקייט איז ניט קַיין קארגשאפט. (ירושלמי פסחים). —

87) א ריכטיגער מִשְׁפָּט. (בראשית רבה ל"ג) 78

88) ווינטער. ש. פרוג 80

89) ווינטער פאר נאכט. ש. אש. —

90) אין די לעצטע ווינטער טעג. ש. י. אבראמאוויטש. 81

91) הוליעט, הוליעט בייזע ווינדען. א. רויזען. 82

92) בערעלע שלים'מַזָל. נאך מ. וייפערט. 83

93) די פלעדערמייז. נאך י. ד. ריזבערג. 85

94) שַׁבָּת ליכט. נאך היינע, פון „יוד". —

95) די לעזערין. י. ל. פרץ . . 86

96) א געזינד זאלבע אכט. א. רייזען. 87

97) עס מוז זַיין ווַייט אמעריקע. —

98) שלאָף מַיין קינד. שלום עליכם. 89

99) דאָס זְרִיעָה-קערענדל. ש. פרוג. 90

100) האָפנונג. חנ"ל 91

רָאשֵׁי־תֵּבוֹת 91

בוכשטאבען אלס ציפער. 93

די נעמען פון די סְדָרוֹת. . 94

ערשטע אבטיילונג

לעזען און שרייבען זשארגאָן.

רעדען, שרייבען און לעזען *)

די שפראך איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכען, דורך וועלכע דער מענש אונטערשיידעט זיך פון בְּהֵמוֹת און חַיוֹת. ווער עס קען ניט רעדען איז א קאליקע, א בַּעַל מוּם. וואָס איז דאָס אזוינס רעדען? — רעדען הייסט אויסדריקען מיט ווערטער געפיהלען און געדאנקען. דער שטומער טראכט אויך, נאָר רעדען קען ער ניט. ער גיט איבער זיינע געדאנקען דורך פערשידענע בעוועגונגען, ניט יעדער קען אָבער פערשטעהן דעם שטומען, און ניט אלץ, וואָס ער טראכט און פיהלט, קען ער אויסדריקען דורך זיינע מינעס. אויסער דעם קען מען זיך צוזאמענרעדען מיט'ן שטומען נאָר אין דער ליכטיג, ווען מען זעהט זיינע בעוועגונגען; אין דער פינסטער אָבער איז גאנץ אונמעגליך צו וויסען, וואָס ער מיינט. נישט אזוי איז מיט'ן רעדען! — ווערטער הערט מען אויך אין דער פינסטער.

וואָס זאָל מען אָבער טהון, ווען מען וויל זיך צוזאמענרעדען מיט עמיצען, וועלכער איז וויַיט פון מיר און קען נישט הערען מיַין קול, אָדער ווען ער געפינט זיך גאָר אין אַנ'אנדער שטאָדט אָדער אין אַנ'אנדער מְדִינָה?

די פראגע האָט אינטערעסירט דעם מענשען נאָך גאָר אין די אלטע דורות. אויך פערציַיטען פלעגט עס פאָרקומען, אז קינדער האָבען זיך געמוזט שיידען מיט זייערע עלטערען, ברידער האָבען פערלאָזען זייערע שוועסטער און האָבען זיך בעזעצט אין אנדערע שטעדט; און די קְרוֹבִים האָבען געוואָלט וויסען איינער פון דעם אנדערען. ווי רעדט מען זיך צוזאמען פון דער וויַיט?

אין אנויט אָבער גיט דער מענש א קנייטש דעם שטערען און געפינט זיך אַנ'עֵצָה! אויך ביַי דעם פאל האָט דער מענש געפונען א שכל'קעל ראטה. ער האָט אָנגעפאנגען איבערגעבען זיַינע געדאנקען דורך פערשידענע פיגורען, וועלכע ער האָט געצייכענט אויף ברעטער, אויף שטיינערנע טאָוולען, אויף ווייכע שטיקער לִיים, אָדער אויף וואקס. צום ביַישפּיעל, ווען מען האָט געוואָלט מיטטיילען, אז מען איז אריבער בְּשָׁלוֹם דעם יַם, האָט מען געצייכענט א יַם און אויף איהם א שיף, וועלכער שטעהט ביַים ברעג, און פון וועלכען עס געהען ארויס די פאסאזשירען.

פון א אונגעלעהרענטער וועשערין דערצעהלט מען, אז זי האָט געפיהרט איהרע גרעט־חֶשְׁבּוֹנוֹת אויף אזא אוֹפֶן: האָט זי גענומען צום ביַישפּיעל 8 טיכ'לעך צום וואשען פון א בריעפענטרעגער, האָט זי ערגעץ אין א ווינקעל מיט קריַיד אָנגעצייכענט א בריעף, נעבען דעם א טיכעל און דערביַי 8 פאסעקלעך; האָט זי אָבער בעקומען די טיכלעך פון א טעלעגראפיסט, האָט זי געצייכענט די טיכעל מיט די פאסעקלעך ביַי א טעלעגראפען־סלופ; ווען זי האָט ערהאלטען וועש פון א שריַיבער — האָט זי געצייכענט ביַי דעם טיכעל שוּרוֹת.

---

*) בעשטימט פאר דעם לעהרער צום מינדליכען פאָרטראג פאר דעם ערשטען לעזע־אונטעררייכט.

די פיגורען־שריפטען אָבער האָבען דעם זעלבען פעהלער, ווי די מינעס פון א שטומען, — ניט יעדער קען זיי פערשטעהן! אויסער דעם זענען פאראן פיעל זאכען, וועלכע מען קען אינגאנצען ניט אויסדריקען אין פיגורען, צום בייַשפיעל: „שֵׂכֶל", „קראנקהייַט", „פרייד" און אזוי ווייַטער. דערצו דארף מען ניט פערגעסען, אז בעגריפען זענען דאָ אין א זייער גרויסע צאָהל, און ווען מען זאָל וועלען יעדעס בעגריף אויסדריקען מיט א בעזונדער סִימָן, וואָלט מען מוזען זיך אויסלערנען צייכנען מיליאָנען פערשידענע פיגורען, און דאָס איז זעהר שווער. ניט יעדער איז פעהיג דערצו, און ניט יעדער האָט צייַט אזוי לאנג און אזוי פיעל צו לערנען. דעריבער זענען טאקי אין די אלטע צייַטען געוועזען זעהר ווינציג געלעהרענטע מענשען.

וואָס מעהר די מענשען האָבען זיך ענטוויקעלט, האָבען זיי זיך אלץ מעהר בעמיהט צו פערגרינגערען און בעקוועמער צומאכען די שרייַב־קונסט, ביז מען איז אם ענדע דערגאנגען צו איצטיגען מעטאָד פון שרייַבען, וועלכער האָט אונז שליסליך אויסגעלייזט פון אזא שוועהרער ארבייט, ווי געדענקען דעם בעדייַטונג פון די צעהנדליגער טויזענדער פערשידענע פיגורען.

מענשען האָבען בעמערקט, אז יעדער געדאנק, וועלכער ווערט אויסגעדריקט אין געשפרעך, בעשטעהט פון איינצעלנע ווערטער; יעדעס וואָרט ווידער צוטיילט זיך אויף בעזונדערע זילבען, און יעדער זילבע אויף בעזונדערע קלאנגען, וועלכע געהען ארויס בייַם מענשען פון האלז מיט דער הילף פון די ליפען, די ציין, דער צונג און דער גומען. די אלע פערשידענע קלאנגען, וועלכע דער מענש ניט ארויס בייַם רעדען, זענען ניט מעהר ווי איינינגע און צוואנציג, און מיט די קלאנגען שטעלט מען אויף ווערטער, און פון די ווערטער שטעלען זיך צוזאמען גאנצע געדאנקען. און אזוי ווי די צאָהל פון די קלאנגען זענען ניט פיעל, האָט מען גענומען און געמאכט אויף יעדער קלאנג א בעזונדער סִימָן אָדער פיגור, וועלכען מען צייכענט איפ'ן פאפיר און מען רופט עס „אות" אָדער „בוכשטאב". מיט די איינינגע און צוואנציג אותיות אָדער סִימָנִים פון קלאנגען איז זעהר לייַכט צוזאמענשטעלען טויזענדער פערשידענע ווערטער אויפ'ן פאפיר, פונקט ווי די קלאנגען אליין שטעלען אויף די ווערטער בייַם רעדען. צום בייַשפיעל, אין דעם געדאנק: „שרייַבען און לעזען איז זעהר נוציג" — געפינען מיר זעקס ווערטער: „שרייַבען" — איז איינס, „און" — איז צוויי, „לעזען" — דריי, און זאָ ווייַטער. דאָס וואָרט „שרייַבען" ווערט אויסגעשפראָכען אין צוויי מאָל; „שרייַ"—„בען", דעריבער זאָגען מיר אז „שרייַבען" צוטיילט זיך אויף צוויי זילבען: די ערשטע זילבע איז „שרייַ", — די צווייטע: „בען". די זילבע: „שרייַ" בעשטעהט פון איינינגע קלאנגען: „ש" — ר — ייַ", די זילבע: „בען בעשטעהט אויך פון דריי קלאנגען: „ב — ע ן" און אזוי ווייַטער.

דער קלאנג „ע" ווערט ווידערהאלט אין דעם געדאנק — „שרייַבען און לעזען איז זעהר נוציג" — איינינגע מאָל: אין דאָס וואָרט „שרייַבען" געפינט זיך 1 מאָל „ע", און דאָס וואָרט „לעזען" געפינט זיך דער קלאנג „ע" צוויי מאָל, אין וואָרט „זעהר" איין מאָל, און אלע מאָהל, ווען עס הערט זיך „ע", שרייַבט זיך אלץ דער זעלבער צייכען אָדער בוכשטאב.

1.



נום נים

ו י ם נ ם י נ ו

נ—ו—ם, נו—ם, נום.

נ—י—ם, ני--ם, נים.

נום נים.

נ-ו-ם, נו-ם, נום. נ-י-ם, ני-ם, נים.

2.



זאק זאָק נאָז.

אקס. אָקס. פוקס.

  

זיפ. פאס. פאס.

אָ, א, פּ, פ, ק, ז.

קאָפּ, נאָז, פּוס, פּיס, זאָק, זאק.
זיפּ, זופּ, פּאק, פּאָק, סנאָפּ, פּאָנס.

ק ק ק ז ז ז פ פ פ א
זאָק, זאק, קאָפ, פוק,
פאס, פֿאס, פֿוקס, סנאָפ.

3.





אָל ע-זעל פּענ-זעל





זאָ-טעל קעס-טעל קינד



פאנ-טאָ-פעל נאָ-טען

ל ט ד ע

י = אי (ביים אנפאנג ווארט)

נ = ן (ביים ענדע ווארט)

קינד, אינ-זעל, נאָ-טען, לאָ-דען.

קעז, זעק, ע–פּעל, טא–פּעל, לע–
פּעל, טאָפּ, זיפּ, לי–נע–אל, טינט,
דיק, פּעט, דין, אָל, זאָ–טעל,
ע–זעל, פּענ–זעל, פּאנ–טאָ–פּעל.

דאָס קינד איז דיק. די אָקסען זענען פּעט. די סנאָפּעס זענען אין פּעלד. די עפּעל זענען זיס. דאָס קינד עסט די עפּעל. טאטע, עס ניס! עסען איז ניט פּאסטען. די דילען זענען נאס. די לאָדען זענען אָפּען. די לעפּעל זענען אין טאָפּ. דאָס איז א לינעאל. אין קלאס איז דאָ א טאפּעל. דאָס קינד קען לעזען נאטען. די נאָדעל איז

ט ט ט ל ל ל ע ע ע ד ד ד

דאָס קינד עסט עפּעל.

4.

גלאָק

גלאָז



גאָפּעל

אָדלער

פערד

ריבע





בער באָק באָרד





גאר–דין פרענז קרא–גען

ב ג ר

אן (בײַם אָנפאנג וואָרט) = ן

קלוג און גוט.

גאז, זעג, באָק, בער, ראָק, מע–רען,
רי–בען, גאָ–פעל, בא–רא–באן, אונז,
נאנז, פערד, באָרד, מאָרד, אָרט, קאלט.

באלד, גאָלד, בילד, רינג, זינג, זאנג,
גלאָק, גליק, גלאָז, דראָט, דראָפּ, גראָז,
בריל, קלוג, קלאַפּט, קלינגט, טרינקט,
ברענט, קראנק, ברענגט, גרינס, פּרענז.

דער אָדלער איז דער קעניג איבער אלע געפליגעל. א פּערד איז גרעסער פאר אנ׳עזעל. געלד איז דאָ פון קופּער, זילבער, גאָלד און פּאפּיר. אין גאָרטען זענען דאָ אוגערקעס, בוראקעס, קארטאָפעל, ריבען, מערען און אנדערע גרינס. די זאנגען אין פעלד זענען טרוקען פון דער זון. אין גאס גיסט א רעגען און עס דונערט אָפט. זומער זענען די פעלדער בעדעקט מיט גרינע גראָז. אין די קאלטע לענדער טרעפט פרעסט און קעלט אין מיטען זומער. דער עלטערער ברודער איז גאָר קראנק: ער ליגט אין בעט, דער קאָפּ איז פערבונדען, און ער עסט ניט און טרינקט ניט;

באלד קומט דער דאָקטער. אז מען לעבט דערלעבט מען. די זעג איז טעמפּ, און מען קען ניט זעגען. דער רינג און די ברילען זענען פון גאָלד. די פרענז זענען אָבגעריסען פון די גארדינען. דער זעלנער קומט פון לאגער. דאס פערד טרינקט פון עמער. די גלאָק קלינגט. דער גאז ברענט. דאס קינד זינגט.

ר ר ר ב ב ב ל ל ל ל

לאנג, בער, גאנל, לאָלג

5.







װעסט װענדקע פאַראַװאַן



קאַש שטאָק שליטע





פיש שיף שפילקעס




מעסער קאם מארקע



מאסקע שירעם מופטע

וו ש מ

ם (בײַם ענדע װאָרט) = מ

ף (בײַם ענדע װאָרט) = פ

װאָג, װאָגען, שיף, דאָרף, פינגער,

פלאש, מאסקע, שניפס, שירעם, שטאָק.

די מאמע קומט פון גאס. רוף דעם טאטען עסען. די שװעסטער גיט דיר עפּעל מיט ניס. און דו װילסט ניט עסען. די גלאָק קלינגט שטארק. עפען די טיר. דער פעטער בערל איז געקומען. די װעשערין װאשט װעש. דער

פישער פאָרט אין א שיפֿעל און פאַנגט פיש
מיט א ווענדקע. דער שנור פֿון דער ווענדקע
איז לאנג. די אָבגעשניטענע זאנגען זענען גוט
טרוקען געוואָרען, מען קען באלד די זאנגען
דרעשען. עס איז גענוג שפעט. באלד קומט
די שאָף פון פעלד אין דאָרף. דער שילער וויל
ניט לערנען, מע דארף דעם שילער בעשטראָ-
פען. גוטע שילער פערשפעטיגען ניט די קלאַס.
די לופט אין וואלד איז ערפרישענד און געזונד
פאר דעם מענשען. עס גיסט א שטארקער
רעגען, עפען דעם שירעם. ווינטער מיט א
שליטען און זומער מיט א וואָגען. די שוועסטער
טראָגט אין קאָש פיש: סאָנדאַק און קאַרפ.
די מומע זאָגט דיר: „גוט מאָרגען", און דו
ענטפערסט ניט. אין דער קראָם קענסט דו
בעקומען א קאַם, א שטאָק און א שירעם.

ש ש ש   א א א   ם ם ם   ף ף ף

פיש, שיף, מעסער, קלאס, שירעם.



פּיסטאָליעט בּראַסליעט האָליאַווע

הארטע שטימען: א אָ ע ו וי יי ײַ

האלז-ווייכע שטימען: הא האָ הע הי הו הוי היי הײַ

צונג-ווייכע שטימען: יא יאָ יע יִי יו יוי יעי יאי

האנד, האָר, הוט, הויז, העפט, האָרן,
יוגענד, ייִנגעל, ייִד, יעדער, יויך, יאַיכלעך.

איך האָב געגעבען דעם פערד א הויפען חיי
מיט א ביסעל האָבער. דער הירש האָט גרויסע
הערנער מיט צווייַגען. דער האָז שרעקט זיך פאר
א הונד. אונזער הויז איז הויך געבויט און האָט
א גרויסען הויף. דאס איי איז אראָבגעפאלען
אויף די היי און האָט זיך ניט צעבראָכען. הייַנט
האָבען מיר אָנגעהויבען לערנען אין שולע. איך

האָב מיר געקויפט א האלבע טוץ העפטען, צוויי פעדערען און דריי בלייששטיפטען. דער מענש האט צוויי הענד צו דער ארבייט, און איין מויל צום עסען; צוויי אויערען צום הערען, און איין מויל צום רעדען. פון אונז ביז ווילנא איז צוויי-הונדערט וויאָרסט. דער יינגעל האָט שטיוועלעך מיט גלאנציגע קאָליאָוועס; זיין היטעל איז בעפוצט מיט א יאקאָר; אין האנד האלט ער א קליינעם פיסטאָליעט, מיט וועלכען ער שפּילט זיך. פרויען טראָגען אויף די הענד בראסליעטען, און אויפן קאָפּ היט מיט פעדערען. מיידלעך טראָגען לאנגע האָר. דער בויער מאכט ווייך די בייטען מיט דער גראבליע. ווער עס לערענט ניט אין דער יוגענד, דער וויס גאָר ניט אויף דער עלטער. דאָס קינד האָט היינט געגעסען זעמעל מיט א ביסעל יויך. יעדער הונד איז א לייט אויף זיין מיסט. יעדער נאר מיינט, אז ער איז קלוג. יעדער מענש איז בלינד אויף זיך זעלבסט.

בעסער א נאר, וואָס בעהאלט זיין נארישקייט, פון א קלוגען, וואָס ווייזט ארויס זיין קלוגשאפט. ביי דעם קלוגען ליגט די צונג אין הארצען, און ביי דעם נאר ליגט דאָס

הארץ אויף דער צונג. דער אונטערשיד צווישען א פרײַנד, וואָס טהוט קיין גוטס, און א פײַנד, וואָס טהוט קיין שלעכטס, איז נור אין נאָמען אליין. האָף, אז גאָט וועט דיר שטיצען, נאָר אליין דארפסטו אויך לעדיג ניט זיצען. יעדער אָנפאנג איז שווער, און גרינג איז נאכהער.

ה ה ה ה ה ה ה ה ה ה

הונט, האָר, הוט, הויז, וואַנט.

זאלען די שילער בעשרײַבען די דרײַ בילדער.

9.





האָהן הוהן קוה




ביהן מיהל געצעלט





בריעף ווינד-מיהל מיהל-שטיינער

זאלען די שילער בעשרייבען די דריי בילדער

6.




בייגעל לייטער שטייסעל





אייזען שטייג בייטעל





אויער טויבען בוים

ײ = ע־י, ײַ = אַ־י, ױ = אָ־י

דער ווינד בלאָזט און בייגט אײַן די קליינע און די גרויסע בוימער. מײַן שוועסטער שרײַבט מיט א בלײַשטיפט, און מײַן ברודער שרײַבט מיט א פעדער. זייער דינסט־מיידעל זײַעט דעם זופּ מיט אונזער זײַער. דאס פײַער איז קליין און וועט באלד פערלאשען ווערען. וועג־אָב דאָס פלייש און שטעל עס אוועק אויף דעם אײַז. פערדעק עס מיט א טעלער, די מײַז זאלען עס ניט בעקומען. באָרגט מיר אײַער שטייסעל, ווײַל מיין מוטער וויל שטייסען פעפער. דער זייגער איז

שוין דרײַ, און דאָס קינד איז ניט געקומען פון
שולע; טראָג אוועק אין שולע א פּאָר בייגעל
מיט אײַן איי, וועט ער געוויס עסען. אויף א
לייטער שטײַגט מען ארויף און אראָב. מיט א
לייקע גיסט מען איבער ווײַן פון איין פלאש
אין דער אנדערער. אין די ווארימע לענדער
וואקסען ווײַנטרויבען, און פון די ווײַנטרויבען
ווערט דער ווײַן. דער פויגעל איז אין שטײַג. די
טויבען זענען אויף די ביימער. אויף אונזערע
ביימער וואקסען פלוימען, עפּעל, בארנעס און
קארשען. זאָג דעם שנײַדער ער זאל דיר אָפּ-
שיקען דײַן נײַע קלייד מיט דער ווײַסער וועסט.

ווער עס וויל מיט שווייס פערדינען זײַן ברויט, דער לײַדעט ניט
קיין נויט. געבראָטענע טויבען פאלען קיינעם ניט אין מויל ארײַן.
די ארבייט פערשאפט אונז פרייד, און די פוילקייט — לייד. ווען די
זון אין אונזער פענסטער שײַנט, זענען אלע אונז גוטע פרײַנד.

געבראָטענע טויבען פאלען ניט
קיינעם אין מויל ארײַן.



חרין חאלאט ליכט



פעכער קוכער פאסטוך

 

בוך דאך רויך

ציג



פּעלץ



צעפּ

ח (בײַם אָנפאנג וואָרט).

כ (אין מיט'ן וואָרט). ך (בײַם ענדע וואָרט).

צ (אם אנפאנג און אין מיטען וואָרט). ץ (בײַם ענדע וואָרט).

קיך, לײַכטער, ליכט, בוך, ציבעלע,
צוקער, װײַץ, קראַנץ, פּאָמעראַנצען.

איך קען ניט טראָגען בײַ נאַכט דעם חאַלאַט, ער איז צו לײַכט און קאַלט. די פרוי פּאָכעט זיך מיט דעם פעכער. די קעכין טראָגט א רײנעם פאַרטוך, ווען זי קאָכט דעם מיטאָג. חריין רײַבט מען אויף א ריבאײַזען, און ציבעלע שנײַדט מען מיט א מעסער. די גאַנצע קיך איז פול מיט רויך, װײַל דער קוימען איז צובראָכען.

איך בין ארויפגעקראָכען אויפ'ן דאך. דער-
לאנג מיר דעם לייטער, וועל איך אויך ארופ
אויפ'ן דאך. דער פאסטוך ברענגט פארנאכט די
שאָף פון פעלד אין דאָרף. צוויי ציגען זענען
אריינגעשפרונגען אין פעלד און צעטראָטען
דעם גאנצען ווייץ. פאר די צוויי רובעל וועל
איך קויפען צוויי קרענץ. די מיידלעך פלעכטען
זייערע לאנגע צעפ. זומער ברויכט מען ניט קיין
פעלץ. פאר וואָס טאנצט דו ניט? איך ווייס ניט,
ווי מען טאנצט דעם טאנץ. דאָס בוך, וואָס דו
לעזט, איז מיין; שיק מיר אָב דאָס בוך דורך
דיין קליינע שוועסטער, ווייל איך ברויך איצט
אליין לעזען. מיר דאכט זיך, אז ער לעזט צו גיך.
חאפ ניט און אייל דיך ניט. ווען דו לעזט אָדער
שרייבסט, וועסטו ניט מאכען קיין גרייזען.
דיין ברודער איז א גרויסער הוואט. הארקאָוו
און חעלעם זענען נעמען פון שטעדט.

נישט אלץ, וואָס גלענצט, איז גאָלד. אָרעמקייט איז
קיין שאנד. רייך איז דער, ווער עס איז צופרידען מיט זיין פער-
מעגען. אָרעם איז דער, ווער עס איז רייך אין פערלאנגען.
בעסער עסען טרוקען ברויט, אבי ניט אָנקומען צום

צווייטען. דער מענש טראכט, און גאָט לאכט. וויינען און לאכען זענען ביי קינדער לייכטע זאכען. איין שוואלב קען קיין זומער ניט מאכען. לייט מאכען קליידער, אָבער קליידער מאכען ניט לייט.

מ מ מ כ כ כ ק ק ק

צ צ צ ץ ץ ץ

מאלאט, ליכט. בוק. ציג. פעלץ.

זאלען די שילער בעשרייבען די דריי בילדער.

8.




האמער העמד הונד





האָז הירש היי





יאקאר װיאָרסט גראבליע

 

שליט־שוה האנד־שוה פינגער־הוט

אה, אָה, עה, יה, וה, יע.

ווען א ה אָדער אנ׳ע׳ין קומען נאָך א לויטצייכען, ווערען זיי ניט אויסגעשפראָכען, זיי מאכען נאָר עניוואָס לענגער דעם לויט.

צאָהן, הירהנער, העהנער, ליעד, ליעב, פיעל, געצעהלט, געצעלט, טהיר, טיער, טהון, אנטהון, פריה, פריהלינג, פריה־מאָרגען, מעהר, זעהר, זעהן, געהן, שעהן.

מיין מוטער האָט זעהר שעהנע ציין. דיזען פריהלינג האָב איך געקויפט נייע האנד־שוה. מיט גרויס מיה האָב איך זיי אָנגעטהון אויף די הענד, וויל זיי זענען געווען שמאָל. די מיהל־שטיינער דרעהען זיך אין מיהל זעהר שנעל.

עפען די טהיר און לאָז ארויס די היהנער מיט די העהנער אויפ'ן הויף. אין וואלד זענען דאָ פיעל פערשידענע טיערע: בערען, לייבען, וועלף און פוקסען. האָסטו געצעהלט די געצעלטען פון די זעלנער? יע. איך האָב זיי געצעהלט. עס זענען אין גאַנצען דאָ צוואנציג געצעלטען. פון יעדער געצעלט שטעקט אַרויס אין דער הויך א פאָהן. די קוה איז אַרויס פון שטאַל; ווייל די איז געווען אָפען. מיין עלטערער ברודער האָט מיך זעהר ליעב; היינט האָב איך פון איהם ערהאַלטען א בריעף. די שילער זינגען אין שולע שעהנע ליעדער. נעהם די פעדער און פערשרייב די נעמען פון אַלע שילער. איך האָב היינט געזעהן דעם לעהרער אויך די לעהרערין. דער לעהרער האָט ערקלערט. אז עהרע האָט נאָר דער, ווער עס טהוט גוטס. א טייל מענשען אָבער ווילען האָבען עהרע און ווילען ניט טהון קיין גוטס. יעדער מוטער האָט זעהר ליעב איהרע קינדער. גוטע קינדער עהרען זעהר זייערע עלטערען. זייערע וויערע אוגערקעס זענען זעהר געשמאַק. די ביהן בייסט- אָבער זי גיט האָניג.

פאר איאָהרען בין איך געפאָהרען מיטן באַהן מעהר ווי דרײַ טעג נאָכאַנאַנד. די אײַזענבאהן געהט זעהר שנעל; געוועהנליך געהט זי פערציג וויאָרסט אין אַ שטונדע. איידער דער צוג ריהרט זיך, קלינגט מען געוועהנליך דרײַ מאָל. אויפ'ן וועג בעגעגענט מען פעלדער, וועלדער און דערפער אָהן א צאהל. די באהן פיהרט זעהר פיעל מענשען און פראכט.

אז דו זעהסט א מענשען קענסטו איהם האלב, הערסטו איהם רעדען—קענסטו איהם אין גאנצען. דעם צווייטענס פעהלער זעהט מען געשווינד, און אויף אייגענע פעהלער איז מען בלינד. דער קארגער היט דאָס פארמעגען ווי זײַן אייגענס, און געניסט ניט פון איהם ווי פון פרעמדס. דער קאַרגער איז אָרעם בײַם לעבען און רײַך נאָכן טויט.

שעהן שווײַגען איז מעהר קונסט ווי שעהן רעדען
היט דיין צונג מעהר ווי די פוס, וועלסט ניט פאַלען.





לאזען די שילער בעשרייבען די דריי בילדער

רעטזעל.

עס עסט ווי א פערד און טרינקט ווי א פערד און זעהט מיט דעם ווידעל אזוי ווי מיט די אויגען?

א בלינדער פערד.

10.





קאטשקע טשייניק סטשאט

קאנטשוק ביַיטש קוטשער





זשוק זשאבע וואָרשט

טש, זש, וואו, וואויל.

אויפ'ן= אויף דעם, מיט'ן= מיט דעם. צום= צו דעם,
בּיזטו=בּיזט דו, האָסטו=האָסט דו.

קאאוטשוק, טשאָ'ענט, דיַיטש הירזש
זשומען, לוזשע, וואונדער, געוואוּכט.

די קאטשקעס שווימען אויפ'ן וואסער. דער
טשײַניק איז פול מיט טהע. דער קוטשער
טרײַבט דעם פערד מיט'ן בײַטש. דער
בוכהאלטער רעכענט אויפ'ן סטשאָט. פון
קאאוטשוק מאכט מען פעטשאטקעס אָדער
שטעמפּלען. מײַן פאָטער האָט זעהר ליעב
טשאָלענט. מיר לערנען אין שולע יידיש, רוסיש
און דײַטש. די דײַטשישע שפּראַך איז זעהר
שעהן. זומער זענען דאָ זעהר פיעל זשוקעס.
די זשוקעס זשומען און די זשאבעס קוואקען.
הירזש וואקסט אויפ'ן פעלד. די זשאבעס
שפּרינגען ארום דער לוזשע און קוואקען. פער-
קײַטש ניט דעם בוך! וואו ביזטו נעכטען גע-
ווען? איך האָב ניט געוואוסט וואו דיך צו זוכען!
דײַן ברודער איז זעהר א וואוילער יינגעל.

די זשוקעס זשומען און די זשאבעס קוואקען
די קאטשקעס שווימען אויפ'ן וואסער.

רעטזעל.

פינף פויגעל זענען געזעסען אויף א בוים, א יעגער האָט אויסגעשאָסען אין זיי, איינער איז טויט געפאלען אויף דער ערד. וויפיעל פויגעל זענען געבליבען אויפ'ן בוים?

[illegible]

11 די קראָה.

א דאָרשטיגע קראָה האָט געפונען אויפ'ן פעלד א בלאש וואסער. די פלאש איז געווען ניט פול. און די קראָה האָט ניט געקענט דער־לאנגען מיט'ן שנאָבעל צום וואסער. זי האקט מיט'ן שנאָבעל אין דאָס דיקע גלאָז, און קען עס ניט צעברעכען; זי וויל אומוואַרפען די פלאש, איז זי אָבער דאצו צו שוואך. דאן האָט די קראָה אָנגעפאנגען קלייבען שטיינדלעך און ווארפען אין פלאש. דאָס וואסער אין פלאש האָט זיך אויפגעהייבען, און די קראָה האָט זיך אָנגעטרונקען.

ווּאס האָט די דאָרשטיגע קראָה געפונען? וואָרום האָט זי ניט געקענט טרינקען פון פלאש? וואָס האָט זי געטהון, אום זי זאָל זיך קענען אָנטרינקען?

12 דער קאָפּ און דאָס היטל.

— דער מענש איז ווירקליך א וואונדערבארע מאשינע — האָט געזאָגט איין בויער צום צווייטען — די הענד טהוען פערשידענע ארבייט; די פיס שטעהען, געהען און לויפען; דער נאָז אטהעמט; דער מויל עסט און רעדט; די ציין קאיען, די האלז — שלינגט; די אויגען זעהען, די אויערען הערען. איין זאך אָבער פערשטעה איך ניט: צו וואָס נוצט דער קאָפּ? דער קאָפּ טהוט דאָך גאָר קיין ארבייט ניט, צו וואָס זשע האָט גאָט בעשאפען דעם מענשען מיט א קאָפּ?!...

— נאר איינער! — ענטפערט איהם דער צווייטער — וואָס וואונדערסטו זיך? דער מענש מוז דאָך האָבען א קאָפּ, ווען ניט, אויף וואָס וואָלט ער געטראָגען דאָס היטל!...

איבער וואָס האָט זיך דער בויער געוואונדערט? וואָס האָט איהם דער צווייטער בויער ערקלערט?

13 זעהר קלוג.

אין א געזעלשאפט פון ערוואקסענע מענשען איז געזעסען איין אכטיעהריגעס קינד, וועלכעס האט זיך זעהר גוט געהאלטען און קלוג געענטפערט אויף אלע פראגען, וואס מען האט איהם געשטעלט. אלע זענען געוועזען העכסט פערוואונדערט איבער די גרויסע קלוגהייט פונ'ם קינד. נור איינער, אנ'עלטערע פערזאן, האט געזאגט:

— וואס נוצט עס אבער? אלע קלוגע קינדער ווערען נאררישׂ, ווען זיי וואקסען אויף!

— זיי, מיין הער, האבען געמוסט קינדווייז זעהר קלוג זיין!...— האט געענטפערט דאס קינד.

(וואו איז געוועזען דאס קינד? איבער וואס האבען זיך אלע געוואונדערט? וואס האט געזאגט דער אלטער? וואס האט געענטפערט דאס קינד?)

14 די זון און דער רעגענבויגען.

אין די וואלקען האט געגלענצט א שענער פילפארביגער רעגענבויגען. ווער עס האט איהם דערזעהן, האט מיט פערגעניגען אויף איהם געקוקט און האט זיך געוואונדערט איבער זיינע שעהנע פארבען. דער רעגענבויגען איז זעהר שטאלץ געווארען און האט זיך אנגעפאנגען ריהמען פאר די וואלקען, אז ער איז פיעל שעהנער פאר דער זון. „די זון — זאגט ער — איז צוואר גענוג גלענצענד, אבער נאר איינפארביג!”...

די זון האט עס דערהערט, האט זי לאכענד געזאגט: „ווארט, איך וועל זיך מיט דיר באלד אברעכנען, מיין ליכטיגער פארשוין!”...

— און האט באלד בעהאלטען איהרע שטראהלען אין די וואלקען.

דער שטאָלצער רעגענבויגען איז אוּנגלִיקלִיך פערשוואונדען געוואָרען...

וואו האָט זיך בעוויזען דער רעגענבויגען? וואָרום איז דער רעגענבויגען שטאָלץ געוואָרען? ביז וואָס האָט ער זיך בעריהמט? וואָס האָט די זון איהם געענטפערט, און וואָס האָט זי געטהאָן? וואָס איז געוואָרען מיט'ן רעגענבויגען?

15 צוויי איינגעשפּארטע בעק.

צוויי בעק האָבען זיך בעגעגענט אויף א שמאָלע ברעט, וועלכע איז געלעגען איבער א טייך. ביידען אויף א מאָל אריבער־צוגעהן דעם בריקעל איז געווען אונמעגליך. איינער פון זיי האָט געמוזט צוריקגעהן און געבען דעם צווייטען דעם וועג.

— געה צוריק און לאָז מיר אריבערגעהן! — שרייט איינער.

— ווי פאלט עס דיר איין? געה דו צוריק! — שרייט דער צווייטער.

— איך בין דאָך עלטער פון דיר!

— איך בין אָבער פריהער פאר דיר ארויף אויף די ברעט!

לאנג האָבען זיך ביידע געקריגט, און קיינער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען דעם צווייטען. שליסליך זענען ביידע שטארק בייז געוואָרען, איינער אויף דעם אנדערען, און האָבען זיך גענומען שלאָגען מיט די הערנער. ביידע האָבען זיך ארונטערגעגליטשט פון ברעט און זענען ארייַנגעפאלען אין טייך.

וואו האָבען זיך בעגעגענט צוויי בעק? וואָרום האָט איינער געמוזט צוריקקעהרען? וואָס האָט יעדער געזאָגט? וואָס האָבען זיי געטהון? מיט וואָס האָט זיך די געשיכטע געענדיגט?

16 די האָר זענען ניט מיינע.

א בעוואוסטער רייכער מאן, וואָס זיינע געשעפטען זענען מיט איין מאָל שטארק געפאלען, איז אמאָל ארוים אין דער פריה אין גאס מיט אונפערקעמטע האָר. וועלכע זענען געווען צעוואָרפען און פול מיט פעדערען. בעגעגענט איהם זיינער א גוטער פריינד און פרעגט איהם פארוואונדערט: „וואָרום האָסטו, ברודער, ניט פערקעמט א ביסעל די האָר פאר'ן ארויסגעהן אין גאס?"

פערשטעהסטו מיך — ענטפערט דער רייכער: דו ווייסט דאָך געווים קיינעם ניט געהן דערצעהלען, דעריבער מעג איך דיר זאָגען די ריינע ווארהייט: איך בין ניט פאר דיר געדאכט יעצט אזוי פארשווינדעלט, אז די האָר פון קאָפּ זענען ניט מיינע... היינט צו וואָס טויג מיר די ארבייט צוקעמען פרעמדע האָר!...

ווי איז געגאנגען דער רייכער אין גאס? וואס האָט איהם, ווען בעקאנטער געטראָפען, וואָס האָט איהם דער רייכער געענטפערט?

〰〰〰〰〰〰

17 דער קעניג פון די בוימער.

די בוימער האָבען געוואָלט זאלבען איבער זיך א קעניג. זיי האָבען זיך געווענדעט צום איילבוים:

— קום הערש איבער אונז!

— זאָל איך פערלאָזען מיין פעטען בוימאייל, וועלכער בעפרידיגט גאָט און לייט, און זאָל מיך געהן בעשעפטיגען מיט די בוימער? — האָט געענטפערט דער איילבוים.

דאן האָבען זיך די בוימער געווענדעט צום פייגענבוים:

— געה דו און געוועלטיג איבער אונז!

— צו וואָס זאָל איך דען פערלאָזען מײַנע זיסע און גוטע פרוכט און געהען האָבען צו טהון מיט די בוימער ? — ענטפערט דער פײַגענבוים.

האָבען די בוימער זיך געוענדעט צום ווײַנשטאָק :

— געה דו רעגירען איבער אונז !

— ניין ! — זאָגט דער ווײַנשטאָק — קען איך דען פערלאָזען מײַן ווײַן, וועלכער ערפרעהט גאָט און לײַט. און געהן האָבען צו טהון מיט די בוימער ?

דאן האָבען זיך די בוימער געווענדעט מיט זייער ביטע צום דאָרען :

— געה דו און געוועלטיג איבער אונז !

— ווילט איהר ווירקליך מיך זאלבען פאר א קעניג, — האָט געענטפערט דער דאָרען — איז גוט ! קומט, וועל איך אײַך אלעמען בעשיצען מיט מײַן שאָטען... ווען ניט אָבער, וועט ארויס א פײַער פון דאָרען און וועט פערברענען אלע בוימער פון וואלד !...

(שופטים ח—ט)

וועמען האָבען די בוימער געוואָלט זאלבען פאר א קעניג ? וואָס האָט דער איילבוים געענטפערט ? וואָס האָט געענטפערט דער פײַגענבוים ? וואָס האָט געענטפערט דער ווײַנשטאָק ? וואָס האָט געענטפערט דער דאָרען ?

18 לויטצייכען.

מען קען מיט דער שטימע ארויסגעבען 5 פערשידענע לויטען, וועלכע צייכנען זיך אויפ'ן פאפיר פאלגענדער ווייזע :

א, אָ, ע, י, ו.

עס גיבט נאך 3 צייכען פאר צוזאמענגעשטעלטע לויטען:

ײַ=אַי (צוזאמענגעשטעלט פון אַ–י)

ײ=אָי (צוזאמענגעשטעלט פון אָ–י)

יי=עי (צוזאמענגעשטעלט פון ע–י)

19 מיטלויטער.

אויסער די 8 שטימען, וועלכע מיר רופען לויטצייכען, קען דער מענש נאך ארויסגעבען פערשידענע קלאנגען מיט די ליפען, מיט'ן צונג, מיט די ציין, מיט'ן גומען און מיט'ן האלז. יעדער קלאנג האט פאר זיך אײן שרײַבען אבעזונדער צייכען, וועלכער ווערט אנגערופען „אות" אדער בוכשטאב. די ליפען, דער צונג, די ציין, דער גומען און די האלז ווערען אָנגערופען שפּראכאָרגאנען, ווײַל מיט די פינף אָרגאנען שפּרעכט דער מענש.

1) ליפענבוכשטאבען: ב, וו, מ, פּ, פ,

2) צונגבוכשטאבען: ד, ל, ר, ט, ס, ש, צ,

3) ציינבוכשטאבען: ז, (אויך די בוכשטאבען ש, ס, צ. שפּרעכען זיך אויס מיט דער הילף פון די ציין).

4) גומענבוכשטאבען: ג, ק,

5) האלזבוכשטאבען: ה, ח, כ,

די אלע קלאנגען ווערען אנגערופען מיטלויטער, ווײַל זיי שפּרעכען זיך אויס אם מײנסטען מיט דער הילף פון א לויטצייכען, צום בײַשפּיעל:

בא, באָ, בע, מו, מי.

20 שלום-בוכשטאבען.

די פינף בוכשטאבען „כ מ נ פ צ“ ווערען געשריבען ביים ענדע וואָרט **אנדערש** ווי ביים אָנפאנג אָדער אין מיטען וואָרט, צום ביישפּיעל: מאך-**מאכען, נאָמען**, שפּין-שפּינען, לויף-לויפען, טאנץ-טאנצען.

ך, ם, ן, ף, ץ, וועלכע שרייבען זיך ביים ענדע וואָרט, **הייסען** שלום-בוכשטאבען.

21 הארטע און ווייכע לויטצייכען.

מען קען מיט דער שטימע ארויסגעבען הארטע **און ווייכע לויטען.**

צום ביישפּיעל: א — הא — יא, ע — הע — יע, און אזוי **ווייטער.**

ווייכע לויטען קומען מיט דער **הילף פון האלז אָדער פון צונג. צום** ביישפּיעל: **הא** — פון האלז, **יא** — פון צונג.

דעריבער אונטערשיידען מיר צווישען **הארטע, האלזווייכע און צונג-ווייכע** לויטצייכען.

הארטע לויטצייכען:	**א, אָ, ע, י, ו, וי, יי, ײַ.**
האלזווייכע לויטצייכען:	**האָ, הא, הע, הי הו, הוי, היי היַי.**
צונגווייכע לויטצייכען:	**יא, יאָ, יע, יי, יו, יוי, יעי, יאַי.**

22 קורצע און לאנגע לויטצייכען.

מען אונטערשיידעט ווייטער צווישען קורצע און לאנגע לויטען, **צום** ביישפּיעל: **א, אָ,** ע, י (קורץ) אה, אָה, עה, יע (לאנג) אלס **צייכען אז דער** לויט איז לאנג, ווערט אלזא צוגעזעצט צו די **לויטצייכען א אָ ע** א „ה“, און צו „י“ א „ה“ אָדער אנ' „עין“. צום ביישפּיעל **פאה-רען, פיה**-רען שעהן, געהן, זעהן, שטעהן; ליעב, פיעל, ליעד, **בריעף.**

23 אלף בײַם אָנפאנג וואָרט.

די לויטצייכען י, וי, יי ײַ, ווען זיי קומען בײַם אָנפאנג וואָרט אהן א מיטלויט, לעגט זיך צו זיי צו אַן' אלף, וועלכען מען שפּרעכט ניט אויס. צום בײַשפּיעל: איך=יך, אויך=ויך, איין=יין, אײַן=ײַן.

איבונג.

אונזער מוטער איז געקומען. אויבען אויפן בוים זיצע טויבען. איך האָב אויסגעשאָטען די רײַז אויף דעם אײַז, אין פליישׁ זענען דאָ פיעל ביינער. איין ביין איז ארויסגעפאלען.

---

24 ב—פּ, ג—ק, ד—ט, וו—פ בײַם ענדע וואָרט.

ווען די בוכשטאבען ב—פּ, ג—ק, ד—ט, וו—פ קומען פאַר בײַם ענדע וואָרט אהן א לויטצייכען, קען מען זיי גאנץ לײַכט פערבײַטען אין שרײַבען. צום בײַשפּיעל: מאָרד, קען מען מיינען אז מען שפּרעכט אויס מיט א „ט" און שרײַבען מאָרט, שראנק—קען מען מיינען שראנג. בײַ אזא צווייפעל זאל מען צולעגען צום ענדע וואָרט איינע פון די זילבען „ע", „ען", „ער", וועט מען שוין פיהלען אין געשפּרעך דײַטליך דעם לעצטען מיטלויט און וויסען, ווי צו שרײַבען. צום בײַשפּיעל: קלאנג – קלאנגען, שראנק – שראנקען, דאָרף–דערפער, וואָרט–ווערטער מאָרד–מערדער און אזוי ווייטער.

---

25 זילבע.

א זילבע ווערט אָנגערופען דאָס, וואָס ווערט אויסגעשפּראָכען מיט איין קלאנג. אלע ווערטער טיילען זיך אין זילבען נאָך דער צאָהל פון די לויטצייכען, וועלכע געפינען זיך אין וואָרט. צום בײַשפּיעל; „טיש"–בעשטעהט פון איין זילבע, ווײַל דאָס וואָרט האָט נור איין לויטצייכען „י" און ווערט דעריבער אויסגעשפּראָכען מיט איין מאָל. „טיש-–לער" - בעשטעהט פון צווי זילבען,

ווייל אין וואָרט געפינען זיך צוויי לויטצייכען: „י" – „ע", און ווערט אויס-געשפּראָכען מיט צוויי מאָל.

איבונג.

(צוטהיילען די ווערטער אויף זילבען).

נישט ווייט איז זוין דער פריהלינג. עס וועלען שוין שמעטערלינגען שפּרינגען, נייע נעסטען, נייע פויגעל וועלען נייע ליעדער זינגען. אויף די גערטנער אויף די פעלדער הער איך זיסע שטימען זינגען ווי די פרייע בלויע וועלען רוישען, גיסען זיך און קלינגען.

26 דאָס איבערטראָגען פון א וואָרט אויף א צווייטער צייַלע.

ווען א וואָרט לאָזט זיך ניט אינגאנצען אויסשרייַבען בייַם ענדע פון די צייַלע, קען מען דאָס וואָרט צוטהיילען אין זילבען און איבערטראָגען די זילבען, וועלכע האָבען ניט קיין פלאַץ אין דער ערשטער צייַלע, אויף דער צווייטע. צום בייַשפּיעל:

פאַר דעם הונגערי=
גען איז פיעל וויכטי=
גער א קאלט שטי=
קעל פלייש, ווי

צעהן מאָס וואָרי=
מע רייד. גליי=
כער צו פערטראָ=
גען פערדרוס פאַר

שווייַגען, איידער ער=
גערען זיך פאַר צו
פיעל רעדען.

27 פונקטאציאָנס=צייכען.

מאַכען א גאנצען געשפּרעך מיט איין אָטהעם איז זעהר שווער; מען מוז וואו ניט איז א ביסעל זיך אָבשטעהל'ען און אָברוהען. אין שרייַבען גיבט עס אזעלכע צייכען, וועלכע צייַגען, וואו מען זאל מאכען א פויזע. די צייכען רופען זיך פונקטאציאָנס=צייכען.

פונקטאציאנס=צייכען גיבט עס זעקס:

(.) – דער פונקט, וועלכער צייַגט אויף א לענגערע פויזע.

(;) – דער שטריכפונקט, וועלכער צייַגט אויף עטוואס א קירצערע פויזע.

(,) – דאָס קאָמא, וועלכעס צייגט אויף גאָר א קורצע פויזע

(:) – דער דאָפּעלטפּונקט צייגט, אז דאָס פאָלגענדע איז אַ ערקלערונג צום פריהערדיגען. (צ.ב. ביישפּיעל, מיר זיינען פערשידענע שילער: פלייסיגע און פוילע).

(?) – דאָס פראגעצייכען דריקט אויס א פראגע אָדער א פערוואונדערונג. (צום ביישפּיעל: וואו איז דיין ברודער? איז דען מעגליך, ער זאָל ניט קומען?)

(!) – דאָס אויסרופצייכען דריקט אויס א אינערליכע בעוועגונג, א בעפעהל, אָדער א ווענדונג צו עמיצען. (צום ביישפּיעל: אך ווי גוט מיר איז! – גאָה! – גאָט, העלף אונז!) –

אנמערקונג: דיזע פונקטאציאָנס-צייכען האָבען אין לעזען און אין שרייבען א גרויסען בעדייטונג. נאָר אָפט ערקלערען זיי דעם ריכטיגען זין פון דעם, וואָס איז געשריבען. ווען מען זאָל שטעלען די פונקטאציאָנס-צייכען ניט אויף זייער ריכטיגען אָרט, קען אָפט ארויסקומען א גרויסער אירטום אין געדאנק. דאָס וועלען מיר באלד זעהן פון ווייטערדיגען ארטיקעל.

28 פינף און צוואנציג פינגער.

איינער האָט געפונען אויף א פּאַפּיר געשריבען פאָלגענדעס: „צוואנציג פינגער האָב איך אין יעדער האנד. פינף און צוואנציג אין הענד און פיס”. – דער מאן האָט לאנג געקלערט און געקלערט און האָט ניט געקענט פערשטעהן, ווי איז דאָס מעגליך. ווען יענער האָט צוואנציג פינגער אין יעדער האנד, האָט ער דאך אין די הענד אליין פערציג פינגער, ווי אזוי קען ער דען האָבען איןביידע הענד און פיס צוזאמען נאָר פינף און צוואנציג פינגער?

א צווייטער איז געקומען און האָט איהם ערקלערט: דאָ איז נאָר שלעכט אוועקגעשטעהלט די פונקטאציאָנס-צייכען. ווען מען זאָל זיי ריכטיג איבערשטעהלען, דאן וועט אלץ ווערען קלאָר און דייטליך, דען דער מאן האָט אזוי געמיינט: צוואנציג פינגער האָב איך: אין יעדער האנד–פינף; און צוואנציג–אין הענד און פיס...

צווייטע אבטיילונג.

ערקלערונגען און איבונגען אינ'ם לעזען און שרייבען פון העברעאישע ווערטער, וועלכע קומען זעהר אָפט פאָר אין זשארגאָן.

29 אותיות און נְקודות:

אלע אותיות אָדער בוכשטאבען אינ'ם העברעאישען זענען בלויז מיטלויטער, קיין לויטצייכען־בוכשטאבען גיבט עס ניט; אלס לויטצייכען דינען פינטעלעך אָדער נְקודות, וועלכע שרייבען זיך אם טיינסטען אונטער די מיטלויטער, צום ביישפיעל:

מַ־מֶ, בָּ־בֶּ, פֶּ־טֶר. אנשטאט: מא־מע, בא־בע, פאָ־טער.

די נקודות, אַזוי ווי די לויטצייכען, ווערען איינגעטיילט אין איינפאכע אָדער איינשטימיגע, און אין צוזאמענגעשטעלטע פון צוויי שטימען.

איינפאכע נקודות גיבט עס 6:

1) ָ = אָ קָמַץ	4) ִ = י: חִירִיק.
2) ַ = אַ פַּתָּח	5) וּ = ו שׁוּרֶק
3) ֶ = ע סֶגֹל	6) ֻ = ו קֻבּוּץ

צוזאמענגעשטעלטע נקודות גיבט עס 2:

1) וֹ = וי חוֹלָם

2) ֵ = יי צֵירֶה

אנמערקונג: דער קלאנג ו האט אין העברעאישען צוויי צייכען. וּ און ֻ (שורק און קבוץ).

---

30 שְׁוָא.

ווען עס קומט פאָר אַ מיטלויט אָהן אַ נְקודה ביים אנפאנג אָדער אין מיטען ווארט, שטעהלט זיך אונטער איהם צוויי פינטעלעך אין דער לענג (ְ),

װעלכע עס רופען זיך שְׁוָא, דאָס הייסט „ניכטס״. דער שְׁוָא צייגט, אז אונטער דעם מיטלוים איז קיין בעזונדער לויטצייכען ניטאָ, און מען מוז איהם אויסשפּרעכען צוזאמען מיט דער זילבע, וואָס שטעהט פאר איהם אָדער נאָך איהם, צום ביישפּיעל: אַךְ-בַּיִת בְּרֶנְגְּט דָם סֶנְ-שֶׁן צום גְרָק - שֶׁן גְלִיק.

31 בוכשטאבען, וועלכע ווערען גלייך אויס= געשפּראָכען און פערשידען געשריבען.

4 קלאנגען האָבען אין העבּרעאישען דאָפּעלטע בוכשטאבען, און איין קלאנג האָט 3 בוכשטאבען, דעריבער קומען צו אין העבּרעאישען „אַלֶף - בֵּית״ 6 בוכשטאבען:

ב = ו *)

ח = כ

ט = ת

ס = ת = שׂ

ק = כּ

צוזאמען געפינען מיר 23 בוכשטאבען, אָדער מיטלויטער, וועלכע בעצייכנען די 18 קלאנגען, וואָס דער מענש קען ארויסגעבען מיט די 5 שפּראַכאָרגאנען:

בּ, ב = ו, ג, ד, ז, ח = כ, ט = ת, כּ = ק, ל, מ, נ,

ס = ת = שׂ, פּ, פ, צ, ר, שׁ,

32 א ע״ה י

ווען עס הערט זיך אַ לויט אָהן אַ מיטלויט, (צום ביישפּיעל ָ, ֶ, ֵ,) שרייבט זיך ניט בלויז די נְקוּדָה אליין, נור איבער דער נְקוּדָה קומט אַ י

*) אין העבּרעאישען שרייבט זיך ו מיט איין ואו און ניט מיט צוויי.

„אלף” אָדער אַן „עין”, צום בײַשפּיעל: אָב (א פאטער) און ניט ָ ב, עָ·בָד (א קנעכט) און ניט ֶ בד.

ווען דער לויט הערט זיך ווייך, קומט אָבער די נְקוּדָה אַ „ה” אָדער אַ „יוד”, צום בײַשפּיעל: הָר (א בארג), יֶ—לֶד (א קינד).

33 לויטלאָזע בוכשטאַבען.

די צוויי בוכשטאַבען „א” „ע” ווערען קיין מאָל ניט אויסגעשפּראָכען: ווען זיי קומען מיט אַ נְקוּדָה, ווערט די נְקוּדָה דורך זיי אויף אַ האָר ניט געענדערט און זי לעזט זיך גלײַך, ווי אויף איהר וואָלט קיין בוכשטאַב געווען. פיעל מאָל קומען די בוכשטאַבען א ע אין וואָרט אָהן אַ נְקוּדָה און ווערען אלץ ניט אויסגעשפּראָכען, צום בײַשפּיעל: בּוֹרֵא=בּוֹרֵ, דֵעַ=דֵ. און אַזוי ווײַטער.

די ווייכע בוכשטאַבען „ה י” לעזען זיך אויך ניט, ווען זיי קומען אָהן אַ נְקוּדָה, צום בײַשפּיעל: מַה=מַ, מִי=מִ.

34 א ה״ י ע בײַם ענדע וואָרט.

ווען דער לעצטער מיטלויט פון וואָרט האָט אַ נְקוּדָה, קומט נאָכ'ן מיטלויט איינע פון די 4 לויטלאָזע בוכשטאַבען א ה ״ י ע. צום בײַשפּיעל: „גְמָרָא” קומט בײַם ענדע אַן „אלף”, ווײַל דער לעצטער מיטלויט „ר” איז מיט אַ קָמַץ, דאָס הייסט מיט אַ נקודה. נֵר — איז נאָכ'ן „ריש” ניטאָ קיין „אלף”, ווײַל דער „ריש” איז אָהן אַ נְקוּדָה.

נאָך ֶ קומט אם מיינסטען אַ „ה”, צום בײַשפּיעל: מַעֲשֶׂה.

נאָך ָ קומט אם מיינסטען אַ „ה”, אַ מאָל אַן „אלף”, זעלטען אַן „עין”, צום בײַשפּיעל: גְזֵרָה, הוֹצָאָה, סְחוֹרָה, תּוֹרָה, מוֹרָא, רָשָׁע.

נאָך (..) קומט אַ „יוד” אָדער אַן „אלף”, צום בײַשפּיעל: בְּנֵי, יְמֵי, בּוֹרֵא, שׂוֹנֵא.

35 חַ ביים ענדע וואָרט.

חַ ביים ענדע וואָרט לעזט זיך ניט ווי געוועהנליך, נור פריהער די נְקוּדָה און נאך דעם דער בוכשטאב, צום ביישפּיעל: נחַ=נאַח; כחַ=כאַח; מחַ=מאַח, (און ניט נחאַ, מחאַ, כּחאַ).

---

36 חֲטָף.

אונטער די בוכשטאבען א ה ח ע קומט אָפט מאָל א נְקוּדָה צוזאמען מיט א שְׁוָא, דאָס הייסט „חֲטָף". חֲטָף גיבט עס 3: ־ֲ חֲטָף פַּתָּח, ־ֳ חֲטָף קָמָץ, ־ֱ חֲטָף סֶגּוֹל.

דער חֲטָף לעזט זיך ניט אלס א בעזונדער זילבע, נור צוזאמען מיט דער פאלגענדיגע זילבע, צום ביישפּיעל: אֲשֶׁר, אֱמֶת, חֲמוֹר, הֲרִיגָה, עֲבוֹדָה. די ערשטע 3 ווערטער בעשטעהען פון איין זילבע, די לעצטע צוויי פון 3 זילבען, ווייל דער חֲטָף רעכענט זיך ניט.

---

37 דָגֵשׁ.

דָגֵשׁ הייסט א פּונקט, וועלכער קומט אין מיטען בוכשטאב. ווען א בוכשטאב מיט א דָגֵשׁ קומט אין מיטען וואָרט, ניט נאָך א שְׁוָא, ווערט ער אויסגעשפּראָכען צוויי מאָל און הייסט דאן: דָגֵשׁ חָזָק. צום ביישפּיעל: מַקֵל=מַק-קֵל, תַּנּוּר=תַּנ-נוּר, און אזוי ווי.

---

38 אָרטאָגראַפיע

די אלע העברעאישע ווערטער, וועלכע קומען אריין אין זשארגאָן שרייבען זיך נאָך דער העברעאישער אָרטאָגראַפיע, דאָס הייסט מיט

נְקודות אָדער גאָר אָהן נְקודות, נאָר נִיט מיט לוֹיטצייכען, דשׂריבער דאַרף מען שרייבען „שַׁבָּת“ און ניט „שאבאס“, „בַּת“ און ניט „באס“.

איך מוז מען אויפפאסען וואו עס שרייבט זיך אנ׳ „א“, און וואו אנ׳ „ע“, וואו „ח“ און וואו „כ“, וואו „ת“ און וואו „ט“, וואו „ס“ און או „ש“ אָדער „ת“. צום בייַשפּיעל: אָב (א פאָטער) און ניט עָב, אָדער עָו. חֲנוּכָּה, קען מען ניט שרייבען „כַנוּקָה“. „תּוֹרָה“ און ניט „טוֹרָא“. סְחוֹרָה, און ניט תְכוֹרָא, אָדער שְׁכוֹרָא, און אזוי ווייטער. די אָרטאָגראַפֿיע פון אזעלכע ווערטער מוז מען גוט אויפפאסען ביים לעזען.

39 אַלֶף־בֵּית.

אַלֶף	בֵּית	בֵית	גִמֶל	דַלֶת	הֵא	וָו
א	בּ	ב	ג	ד	ה	ו
זַיִן	חֵית	טֵית	יוּד	כַּף	כָף	לַמֶד
ז	ח	ט	י	כּ	כ	ל
מֵם	נוּן	סָמֶךְ	עַיִן	פֵּא	פֵא	צָדִי
מ	נ	ס	ע	פּ	פ	צ
קוּף	רֵישׁ	שִׁין	שִׂין	תָּו	תָו	
ק	ר	שׁ	שׂ	תּ	ת.	
שלוס־כף	שלוס־מם	שלוס־נון	שלוס־פה	שלוס־צדי		
ך	ם	ן	ף	ץ.		

איבונגען אין לעזען העברעאיש.

40

אָב, אִישׁ, אֵשׁ, בֵּן, בַּת, גֵּר, גַּן, דֹּב, דּוֹד.
דָּג, הַר, הֵם, הֵן, וָו, זָר, זֹאת, חַג, חֵטְא, חֵן.
טוֹב, טַל, טַף, יָד, יָם, כַּד, כּוֹס, כַּר, לֵב, לֵץ.
מָן, מַר, נֵר, נֹאד, סוּס, סַל, סַם, עָב, עַם, עִיר.
פַּח, פִּיל, פַּר, צוֹם, צֵל, צַר, קוֹל, קֵן, קוֹר, רֹאשׁ.
רַב, רָשׁ, רִיב, שֵׁד, שׁוֹר, שִׁיר, שֵׁן, שֵׁם, שָׁב.
שָׁב, שֶׂה, שַׂק, שַׂר, תָּם, תּוֹר.

פיס האָט עס פיער און איז ניט קיין פיער, עס האָט אויך פעדערען און איז ניט קיין פויגעל?

y caa

41

מֶלֶךְ, עֶ-בֶד, יֶ-לֶד, בֶּ-גֶד, בַּ-יִת, אֶ-רֶץ, כֶּ-לֶב.
עֶ-רֶב, עַ-יִן, זַ-יִת, אַ-יִל, חַ-יִל, תַּ-יִשׁ, אֶצְ-בַּע.
אַרְ-בַּע, כִּבְ-שָׂה, מִנְ-חָה, מִשְׁ-תֶּה, שִׂמְ-חָה.
חֶמְ-אָה, זִקְ-נָה, חֶרְ-פָּה, שִׁפְ-חָה, שִׂמְ-לָה, מַזְ-לֵג.
גַּרְ-זֶן, עַכְ-בָּר, מִכְ-תָּב, בַּרְ-זֶל, תַּלְ-מִיד, מִנְ-הָג.
תַּבְ-לִית, מַלְ-כוּת.

42

צְבִי, דְלִי, כְּלִי, פְּרִי, צְלִי, שְׁמַע, לְכִי,
תְּפִ-לָּה, סְלִי-חָה, צְדָ-קָה, מְנוֹ-רָה, מְלָא-כָה,
מְנוּ-חָה, דְּרָ-שָׁה, שְׂרֵ-פָה, בְּרָ-כָה, לְבָ-בְךָ,
כְּסוּ-תְךָ, דְּבָ-רְךָ, יַלְ-דְּךָ, עַבְ-דְּךָ, כַּלְ-בְּךָ, רַגְ-לְךָ,
זְבוּב, כְּלוּב, דְּבַשׁ, יְסוֹד, בְּרִית, סְתָו, זְאֵב, יְדִיד.

— וואָרום האלסטו אריינגעשטעקט דעם פינגער אינ'ם זופ, ביי'ם דערלאנגען דעם טעלער ?
— עס שאדעט ניט — ענטפערט די קעכין — דער זופ איז ניט איבריג הייס...

43

אֲרִי, הֲדַס, חֲמוֹר, עֲגָ-לָה, אֱגוֹז, אֳנִ-יָּה,
עֲטָ-רָה, אֲבִי-לָה, הֲרֵ-גָה, חֲדָ-שָׁה, עֲבוֹ-דָה,
נַ-עֲרָה, אַ-הֲבָה, רַ-חֲמִים, מַ-עֲשֶׂה, מַ-חֲנֶה, נֶ-אֱמָן,
תַּ-אֲוָה, גַּ-אֲוָה, מַ-עֲרָב, מִטָּה=(מִט-טָה), כִּסֵּא=
(כִּס-סֵא), אַוָּז, כִּנּוֹר, תַּנּוּר, סֻלָּם, חַלּוֹן, שַׁכִּין,
מַקֵּל, לוּחַ, תַּפּוּחַ, מַפּוּחַ, מַפְתֵּחַ, אֶפְרֹחַ, יָרֵחַ,
הַיָּרֵחַ זוֹרֵחַ, הַמַּפּוּחַ יָפוּחַ, הַמַּפְתֵּחַ סוֹגֵר וּפוֹתֵחַ,
הָרוּחַ יָפוּחַ בְּכֹחַ, הָאֶפְרֹחַ פּוֹרֵחַ.

44

נֹחַ, אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי, יְהוּדָה, יִשָּׂשכָר, זְבוּלוּן, דָּן, נַפְתָּלִי, גָּד, אָשֵׁר, יוֹסֵף, בִּנְיָמִין, אֶפְרַיִם, מְנַשֶּׁה, אַהֲרֹן, מֹשֶׁה, גֵּרְשׁוֹן, אֱלִיעֶזֶר, פִּנְחָס, בְּצַלְאֵל, יְהוֹשֻׁעַ, שִׁמְשׁוֹן, שְׁמוּאֵל, שָׁאוּל, יוֹנָתָן, דָּוִד, שְׁלֹמֹה, נָתָן, צָדוֹק, עַמְנוֹן, דָּנִיאֵל, בָּרוּךְ, פֶּרֶץ, זֶרַח, יְחֶזְקִיָּהוּ, שְׁמַעְיָה, מִיכָה, מִיכָאֵל, יְרַחְמִיאֵל, אֵלִיָּהוּ, אֱלִישָׁע, יְשַׁעְיָה, יִרְמְיָה, יְחֶזְקֵאל, יוֹנָה, זְכַרְיָה, נָחוּם, נְחֶמְיָה, עֶזְרָא, יְחִיאֵל, עֲקִיבָא, סְעַדְיָה, יוֹחָנָן, חָנָן, מָרְדְּכַי, מְנַחֵם, שִׂמְחָה.

חַוָּה, נָעֳמִי, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל, לֵאָה, דִּינָה, דְּבוֹרָה, תָּמָר, אָסְנַת, שִׁפְרָה, פּוּעָה, יוֹכֶבֶד, מִרְיָם, צִפּוֹרָה, חַנָּה, מִיכַל, בַּת־שֶׁבַע, בַּתְיָה, שׁוֹשַׁנָּה, שׁוּלַמִּית, אֶסְתֵּר, בְּרָכָה, עֲתַלְיָה, עֲמַלְיָה, יְהוּדִית, נֶחָמָה, צִבְיָה.

דער זעלנער זעהט עס אָפט, דער קֵיסָר — זעלטען, און גאָט קיין מאָל ניט!

([illegible])

45

אֶבְיוֹן, אַהֲבָה, אַחְדוּת, אֲבֵילָה, אֱמוּנָה, אֲפִיקוֹמָן, אֶתְרוֹג, אֶפְשָׁר, בַּגְרוּת, בַּדְחָן, בְּהֵמָה, בָּחוּר, בִּנְיָן, בִּטָּחוֹן, בַּעַל־בִּטָּחוֹן, בַּעַל־מְלָאכָה, בְּרָכָה, גַּאֲוָה, גְּבוּרָה, גִּבּוֹר, גּוּזְמָא, גְּזֵרָה, דְּאָגָה, דֶּרֶךְ, דֶּרֶךְ־אֶרֶץ, דֵּעָה, דְּרָשָׁה, הַבְדָּלָה, הַבְטָחָה, הוֹצָאָה, הֶזֵּק, הַכְנָסָה, הַכְשֵׁר, הַלְבָּשָׁה, הֲנָאָה, הַשָּׂגָה, הַשְׁגָּחָה, וַדַּאי, וִדּוּי, זוֹל, זְכוּת, זְכוּת־אָבוֹת, זִכָּרוֹן, זְקֵנָה, חָבֵר, חֶבְרָה, חֵדֶר, חוֹב, בַּעַל־חוֹב, חֲזָרָה, חֵטְא, חַיָּה, חָכָם, חָכְמָה, חַכְמָה, חַס וְשָׁלוֹם, חִסָּרוֹן, חֻצְפָּה, חֶשְׁבּוֹן, חֲתִימָה, חָתָן, חֲתוּנָה, טוֹבֵל (יין), טֶבַע, דֶּרֶךְ־הַטֶּבַע, טוֹבָה, טוֹעֶה,

טִרְחָה, טְרֵפָה, יָדִיד, יְדִיעָה, יוֹעֵץ, יִחוּס, מְיוּחָס, מְיוּחֶסֶת, יוֹרֵשׁ, יְרוּשָׁה, יוֹצֵא (זײַן), יַקְרוּת, מְיֻשָּׁב (זײַן), יִשּׁוּב־הַדַּעַת, יְשׁוּעָה.

46

כַּוָּנָה, כָּזָב וְשֶׁקֶר, כְּלִי, כֵּלִים, כְּלֵי־בַיִת, כְּלָל, בִּכְלַל, כַּעַס, כַּעֲסָן, כַּפָּרָה, מְכַפֵּר (זײַן), כָּשֵׁר, כְּתֻבָּה, לְבָנָה, לָהוּט, לוּלָב, לְכַתְּחִילָה, לַמְדָן, לֵץ, לֵצָנוּת, מֵאָה, מַאֲכָל, מַבּוּל, מְגִילָּה, מְהוּמָה, מוּסָף, מוּסָר, מוֹרָא, מוּשְׁלָם, מִזְרָח, מְזוּזָה מְזוֹנוֹת, מַזִּיק, מֹחַ, מְחַבֵּל, מְחַבֵּר, מְחוּתָּן, מַחֲזוֹר, מַחֲלֹקֶת, מַחֲשָׁבָה, מְכַבֵּד (זײַן), מִכְשׁוֹל, מַלְאָךְ, מְלָאכָה, מַלְבּוּשׁ, מַלְוֶה, מַלְכוּת, מְלַמֵּד, מַמָּשׁוּת, מְנוּחָה, מְנֻוָּל, מִנְיָן, מִסְחָר, מְסֻפָּק, מַעֲרָב, מַעֲשֶׂה, מַצֵּבָה, מִצְוָה, מְצִיאָה, מֶרְחָץ, מַרְשַׁעַת, מַשָּׂא, מְשׁוּגָע, מָשִׁיחַ, מְשֻׁמָּד, מִשְׁנֶה, מַשְׁחִית, מַשְׁכּוֹן, מָשָׁל, מַשְׁקֶה, מְשָׁרֵת.

נֶאֱמָנוּת, נָבִיא, נְבֵלָה, נְבֵלָה, נְדָבָה, נֶדֶר, נֶחָמָה, נֵס, נְסִיעָה, נָע וָנָד, נַפְקָא־מִינָה, נֶפֶשׁ, מְמָה־נַפְשָׁךְ, נְקָמָה, נְשָׁמָה.

סַבָּה, סַמְבַּטְיוֹן, סְגוּלָה, סוֹחֵר, סְחוֹרָה, סִימָן, סַךְ־הַכֹּל, סוּכּוֹת, סְכוּם, סִכְסוּךְ, סְלִיחָה, סְעוּדָה, סָפֵק מֻוסָר, סְתָם, מִן הַסְתָּם.

– וואָס פאר פיש האָט איהר מיר היינט געגעבען? – פרעגט דער גאסט דעם קע"נער אין רעסטאָראַן־פאָריגען שבת האָב איך דאָ געגעסען פיש אויסגעצייכענט. און היינט קען מען עס גאָר אין מויל אריין ניט נעמען!

– עפּען זי, מײַן הערר! – זאָגט דער קעלנער – דאָס איז דאָך די זעלבע פיש פון פאראַכטאָגען...

47

עֲבוֹדָה, עֲבֵירָה, עַגְמַת־נֶפֶשׁ, עוֹלָה, עִכּוּב, עִנְיָן, עֹשֶׁ, עֵסֶק, עַצְלוּת, עִקָּר, עַקְשָׁנוּת, עֶרֶב, עֶרֶב־יוֹם־טוֹב, עֵרֶךְ, בְּעֵרֶךְ, עָרֵל.

פֵּאָה, פֵּאוֹת, פְּגִימָה, פֶּגַע־רָע, פִּדְיוֹן, פַּחַד פִּתאום, פָּטוּר, פְּסוּל, פְּסוֹלֶת, פְּעוּלָה, פֶּרֶא־אָדָם, פְּרוּטָה, פָּשׁוּט, פִּתְחוֹן פֶּה, פִּתְרוֹן.

צְדָקָה, צַדִּיק, קַבָּלַת־פָּנִים, קְדוּשָׁה, קְלָלָה, קַמֵּעַ, קִנְאָה, קְנַס, קַצָּב, קַשְׁיָא, רֵאשִׁית, רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, רֶגַע, רְדִיפָה, רֶוַח, רְוָחִים, רוֹשֵׁם, רַחֲמִים, רַחֲמָנוּת, רְכִילוּת, רַמַּאי, רֶמֶז, רַעַשׁ, רְפוּאָה, רְצִיחָה, רוֹצֵחַ, רָשָׁע, שְׁאֵלָה, שְׁבוּעָה, שֶׁבַח, שַׁבָּת שִׁדּוּךְ, שַׁדְכָן, שַׁדְכָנוּת, שְׂרֵפָה, שׁוֹטֶה, שׁוֹפָר, שׁוֹר־הַבָּר, שׁוֹחַד, שׁוֹחֵט, שְׁחִיטָה, שָׂטָן, שַׁיָּךְ, שִׁיעוּר, שִׁכּוֹרוּת, שְׂכַר, שֵׂכֶל, שָׁכֵן, שָׁלוֹם, שָׁלִיחַ, שְׁלִיטָה, שִׂמְחָה, שְׁמִירָה, שַׁמָּשׁ, שׂוֹנֵא, שָׁעָה, שְׁטַר־חוֹב, שׁוּתָּפוּת, תַּאֲוָה, תְּבוּאָה, תְּבִיעָה, תְּהוֹם, תּוֹעֶלֶת, תּוֹרָה, תַּחְבּוּלָה, תְּחִנָּה, תַּכְלִית, תֵּכֶף, תַּכְשִׁיט, תְּלִיָּה, תַּלְיוֹן, תַּנָּא, תְּנַאי, תַּנָּאִים, תְּנָאִים, תַּעֲנוּג, תַּעֲנִית, תְּקוּמָה, תְּקִיעַת־כַּף, תֵּרוּץ, תְּשׁוּבָה, תְּשׁוּעָה.

דײַן טאַטענס אַ זוהן און דיר ניט קײַן ברודער, ווער איז ער?

(ענטפ׳ 71)

48

נִיסָן, אִיָּר, סִיוָן, תַּמּוּז, אָב, אֱלוּל, תִּשְׁרֵי, חֶשְׁוָן (מַרְחֶשְׁוָן), כִּסְלֵיו, טֵבֵת, שְׁבָט, אֲדָר, וַאֲדָר, פֶּסַח, חוֹל־הַמּוֹעֵד, ל״ג־בָּעוֹמֶר, שָׁבוּעוֹת, שִׁבְעָה־עָשָׂר־בְּתַמּוּז, שַׁבָּת־חֲזוֹן, תִּשְׁעָה־בְּאָב, שַׁבָּת־נַחֲמוּ, רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, צוֹם־גְּדַלְיָה, עֲשֶׂרֶת־יְמֵי־תְשׁוּבָה, יוֹם־כִּפּוּר, סֻכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא־רַבָּה, שְׁמִינִי־עֲצֶרֶת, שִׂמְחַת־תּוֹרָה, עֲשָׂרָה־בְּטֵבֵת, חֲנוּכָּה, פּוּרִים, שׁוּשַׁן־פּוּרִים, שַׁבָּת־הַגָּדוֹל. תְּפִלָּה, שַׁחֲרִית, מוּסָף, מִנְחָה, מַעֲרִיב, קְרִיאַת־שְׁמַע, סִדּוּר, מַחֲזוֹר, כָּל־נִדְרֵי, נְעִילָה, אֶתְרוֹג, לוּלָב, סֻכָּה, סְכָךְ, מַצָּה, מָרוֹר, חֲרוֹסֶת, זְרוֹעַ, סֵדֶר, בְּרָכָה, שֶׁהַכֹּל, הַמּוֹצִיא, בּוֹרֵא־פְּרִי־הָאֲדָמָה, כּוֹרְעִים, תְּקִיעוֹת־שׁוֹפָר, אָרוֹן־קוֹדֶשׁ, הַגְבָּהָה, גְּלִילָה, סֵפֶר־תּוֹרָה, חוּמָּשׁ, סְלִיחָה, הַגָּדָה, מַפְטִיר, פָּרוֹכֶת, עֵץ־חַיִּים.

איבונגען אין געמישטען לעזען.

49

אז מען לעבט אָהן חֶשְׁבּוֹן, שטארבט מֶען אָהן וִדּוּי. אז מען דארף דעם גַּנָּב, נעהמט מען איהם אראָב פון דער תְּלִיָּה. אז גַנָּבִים קרינען זיך, געפינט מען די גְנֵבָה. אז מען וויל זיך בַּיַּם כָּבוד דערהאלטען, מוז מען דעם מאָהלצייַט אויף צווייען צושפאלטען. כִּמְעַט יעדער בעקלאָגט זיך אויף זייַן שוואכען זִכָּרוֹן, נאָר קיינער בעקלאָגט זיך נִיט אויף זַיין שוואכען שֵׂכֶל. נישט שטענדיג ביזטו מְחוּיָב צו זאָגען, וואָס דו ווייסט; נאָר תָּמִיד מְחוּיָב צו וויסען, וואָס דו זאָגסט. דער געפעהרליכסטער שֶׁקֶר איז א האלבער אֱמֶת. שעהנע ווערטער אָהן גוטע מַעֲשִׂים, איז ווי בלומען אָהן פֵּירוֹת. יעדער נאר האָט פאר זיך שֵׂכֶל. כָּבוד וואלגערט זיך אויפ'ן מיסט. ווער עס וויל בֶּאֱמֶת טהון נוטס פאר די מענשהייַט, דארף נִיט וועלען יוֹצֵא זייַן, אָדער מוֹרָא האָבען פאר מענשען. א מענש דארף זייַן א מענש דַוְקָא בַּיַּ זיך. נִיט נור בַּיַּם בַּעַל הַבַּיִת. אז דָאס מיידעל קָאן נִיט טאנצען, זאָגט זי די כְּלֵי־זֶמֶר שפילען שלעכט. אז די בַּעַל־הַבַּיִת'טע איז אַ שלים־מַזָל'ניצע איז די קאַץ א נאַשערין. אז מען גַנְבֶ'ט ארויס דעם פערד, פערשליסט מען דעם שטאל. אויף אַ מַעֲשֶׂה פרעגט מען קיין קַשְׁיָא נִיט.

(ארויסגעשריבען פון בוך די אלטע העבראַישע ווערטער, וועלכע געפינען זיך היינט.

50

בַּיז מען דער זעהט די נֶחָמָה, געהט ארויס די נְשָׁמָה. זְכוּת אָבוֹת איז קיין כְּתֻבּוֹת. העל אויס דעם חוֹנֵף, און ווער אזוי, ווי ער זאָגט. כַּעַס וָחֵמָה מאכען דעם מענשען פאר אַ בְּהֵמָה. נאָך אַ שְׂרֵפָה

ווערט מען רייך. נִיט קיין מְזוּמָנִים, נִיט קיין שעהן פָּנִים. עס איז נִיטאָ קיין מַעֲלָה אָהן אַ חִסָרוֹן. פון אַ טוֹבָה קומט אָפט מאָל ארויס אַ רָעָה. אָפט קומט מען נאָך יְרוּשָׁה און מען מוז בעצאָהלען קְבוּרָה געלד. דער נאר זוכט אַ פְּגִימָה אויף דער זעג. פאר א שלעכטען חוֹב נעהמט מען אֲפִילוּ פארפוילטע ציבעלעך. פאר א נאר איז קיין סוֹד ניטאָ. וואָס ביי א ניכטערן אויפ'ן לונג, איז ביי אַ שִׁכּוֹר'ן אויפ'ן צונג. פון אַ חֲזִיר'שן עק קען מען קיין שְׁטריימעל ניט מאכען. פון אַ נאר האָט מען צַער. פון עַל חֵטְא ווערט מען ניט פעט. פון קִנְאָה קומט שִׂנְאָה. פון תַּעֲנוּג לעבט מען ניט, און פון צָרוֹת שטארבט מען ניט. פרעג ניט דעם רוֹפֵא פרעג דעם חוֹלֶה. ווען צְדָקָה וואָלט קיין געלד ניט קאָסטען, גְמִילוּת חֲסָדִים זאָל קיין עַגְמוּת נֶפֶשׁ מאכען, וואָלט די וועלט געווען פול מיט צַדִּיקִים. קיין תְּשׁוּבָה איז אויך אַ תְּשׁוּבָה. קליינע הֶתֵּרִים בריינגען גרויסע יְסוּרִים. קליינע עֲבֵרוֹת ברענגען גרויסע גְזֵרוֹת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, היטּ מיך ניט און ווארף מיך ניט! שָׁבוּעוֹת איז דער בעסטער יוֹם טוֹב, תּוֹרָה איז די בעסטע סְחוֹרָה.

(ארויסגעשריבען פון בוך די אלטע העבראאיש: ווערטער, וועלכע געפינען זיך היער).

— אידר זעהט — זאָגט דער שַׁדְכָן אויף די תְּנָאִים — ווי רייך דער מְחוּתָּן איז! בעטראכט נאר דאָס זילבער אויפ'ן טיש!

— אֶפְשָׁר איז דאָס געבאָרגט? — פרעגט דער אנדער מְחוּתָּן.

— נעהמט! — מאכט דער שַׁדְכָן — ווער וועט איהם געטרויען?...

דריטע אבטיילונג.

51 ברידער.

ווײַסע, ברוינע, שווארצע, געלבע —
מישט די פארבען אויס צו זאמען!
אלע מענשען זענען ברידער
פון איין טאטען, פון איין מאמען!

איך איין גאָט האָט זיי בעשאפען,
און איין פאָטערלאנד די וועלט —
אלע מענשען זענען ברידער,
דאָס איז איינמאָל פעסט געשטעלט!

אלע מענשען זענען ברידער,
שווארצע, ווײַסע, ברוינע, געלבע;
אנדערש זענען נור די פארבען,
די נאטור איז דאָך די זעלבע!

(י. ל. פרץ)

52 רַבָּה און די ארבײַטער.

ארבײַטער האָבען צעבראָכען בײַ רַבָּה בַּר בַּר חָנָה א פאס ווײַן. רַבָּה האָט ארונטערגענומען פון די ארבײַטער זייערע אויבערשטע קליידער און האָט דאָס געהאלטען אַלס מַשְׁכּוֹן, זיי זאָלען איהם בעצאָהלען פאר דעם שאָדען, וואָס זיי האָבען איהם געמאכט דורך זייער אונפאָרזיכטיגקייט. די ארבײַטער האָבען געבראכט רַבָּה'ן צו רַב'ן אויף א דִין תּוֹרָה.

— גיעב אָב די ארבײַטער זייערע קליידער! — האָט רַב געזאָגט צו רַבָּה'ן.

— איז דען דער דִין אזוי? — האָט רַבָּה געפרעגט פערוואונדערט.

— יע! — האָט רַב געענטפערט — ווײַל דער מענש דארף טהון לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין. אזוי האָט אונז געלעהרענט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: „לְמַעַן תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ טוֹבִים

– דו זאלסט געהן אין וועג פון גוטע מענשען.

רַבָּה האָט אָבגעגעבען די קליידער די ארבייטער.

– מיר זענען אָרעמע לייט – זאָגען ווידער די אַרבייטער צו רַב'ן – מיר האָבען אגאנצען טאָג געארבייטעט און איצט האָבען מיר ניט וואס צו עסען!

– בעצאָהל זיי זייער לוין פאר דעם טאָג! – זאָגט רַב צו רַבָּה'ן.

– איז דען אזוי דער דין? – פרעגט ווידער רַבָּה.

– יע! ענטפערט רַב – אזוי האָט אונז געלעהרענט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: „וְאָרְחוֹת צַדִּיקִים תִּשְׁמוֹר" – דו זאָלסט זיך פיהרען אויף דעם שטייגער פון די פרומע.

(בָּבָא מְצִיעָא פ"ג, פ"ג.)

53 אויסגעוואָקסען.

ניסקע דער שניידער איז געווען זעהר קליין געוואקסען. איינמאָל האָפּט ער זיך אויף ביי נאכט און הויבט אָן שרייען, מען זאָל וואָס גיכער אָנצינדען פייער, ווייל ער איז פלוצלונג גאָר מְשׁוּנֶּה אויסגעוואקסען – ער דערגרייכט אוש פון איין וואנד בעט צו דער אנדערער, און איהם איז נאָך צו ענג.

מען האָט גיך אָנגעצונדען פייער, נור וואָס האָט זיך אויסגעוויזען? ער איז געלעגען אין דער ברייט פון בעט!...

54 געה אין חֵדֶר!

געה, מיין קינד, געה אין חדר!
לערען תּוֹרָה, לערען חֻמָּש,
פון עִבְרִי ביז צו גְּמָרָא,
וועסטו ניט וויסען פון קיין צָרָה!

לויף, מיין קינד, לויף צום רֶבִּי!
ער וועט שפּייז דיין נְשָׁמָה געבען.
לויף צו איהם, לויף און לערען
און ווי נאָט זאָלסטו איהם פאָלגען!

(פאָלקס ליעד)

55 רַב שְׁמוּאֵל בַּר סַסַרְטִי.

אמאל האט די קעניגען פון רוים פערלאָהרען איהרע צירונג. געפונען האָט עס רַב שְׁמוּאֵל בַּר סַסַרְטִי. די קעניגען האָט געלאָזט מעלדען: ווער עס וועט ברענגען די צירונג אין פערלויף פון דרייסיג טעג, וועט בעקומען א גרויסען לוין, ווער עס וועט אָבער צושטעלען די צירונג נאָך די דרייסיג טעג, וועט ווערען בעשט־אָפט. רַב שְׁמוּאֵל האָט אָבגעוואַרט דעם דרייסיגסטען טאָג, דאן איז ער געקומען צו דער קעניגען מיט דער צירונג אין דער האַנד.

– האָסטו זיך געפינען היער די לעצטע דרייסיג טעג?

– יע, איך בין היער געוועזן – האָט געענטפערט רַב שְׁמוּאֵל.

– האָסטו געהערט מיין בעפעהל וועגען דער צירונג?

– איך האָב געהערט!

– וואָרום האָסטו זיך ניט געאיילט צו ברענגען די צירונג אין דער בעשטימטער צייט?

– דאָס האָב איך געטהון בְּכִיוָן, כְּדֵי דיר, קעניגען, צו ווייזען, אז ניט צוליעב דעם שָׂכָר, אויך ניט וועגען פורכט פאר שטראָף האָב איך די אֲבֵדָה אָבגעגעבען, זאָנדערען וויל דאָס פאָדערט די מענשען־פליכט.

די הַשָּׁבָה האָט דער קעניגען זעהר געפעלען.

(ירושלמי בבא מציעא משנה ר״ה ב׳)

56 אֱמֶת און שֶׁקֶר.

(עפיגראם).

„שֶׁקֶר – שטעהט – אֵין לוֹ רַגְלַיִם".
אָבער אֱמֶת? – זי האָט פיס!
פאָהרט דער שֶׁקֶר אין קארעטען
און די אֱמֶת – געהט צו פוס!...

(י. ל. פרץ).

57 וואונדער.

א קליינשטעדטעלשער ייִד, וועלכער איז געקומען פון אמעריקע, האָט דערצעהלט דעם עולם פיעל וואונדערליכע זאכען, וואָס ער האָט געזעהן. אין ניויאָרק, למשל, איז ער געווען אין א רעסטאָראציע, האָט ער א דריק געטהון א קנעפּל אין וואנד, איז איהם אנטקעגען ארויסגעשפּרונגען א טעלער מיט פלייש.

— א גרויסער וואונדער! — האָט זיך איינער אָנגערופען — איך בין געווען א מאָל אין ווארשע, בין איך געשטאנען אין א האָטעל, האָב איך געזעהן גרעסערע וואונדער. ווי איך פלעג א דריקגעבען א קנעפּעלע, אזוי פלעגט זיך באלד בעוויזען בײַ מיר אין צימער א שיינעץ אדער א שיגסע...

58 די זון איז אויפגעגאנגען.

די זון איז אויפגעגאנגען,
עס שײַנט אין יעדען אָרט;
מיט הימעלשע געזאנגען
פליהען פויגעל דאָ אונ דאָרט!

הער! זיסע ליעדער קלינגען,
זיי נעהמען דאָס הארץ ארויס;
זיי קלינגען, זיי בעזינגען
די וועלט ווי זי איז גרויס!

(ס. מ. ווארשאווסקי)

59 פריהלינג־צײַט.

ס'איז אַחֲרון שֶׁל פֶּסַח — א שעהנער א ווארעמער פריהלינג טאג.

די גאָלדענע זון האָט בײַם אויפגעהן צעריסען, צעטריבען די גראָהע וואָלקענס אין דער לופט און מיט איהר ליכטיג פּנים אראָבגעקוקט פון'ם בלאָהען הימעל טיף פרײַנדליך אויף דער ערד. גאָט'ס בעשעפעניש, אלע פון גרויס

ביז קליין, האָבען אויפהאפּענדיג זיך פונ'ם לאנגען ווינטער שלאָף, לעבעדיג פרעהליך זיך גענומען איטליכער צו זײַן זאך. פריש געלע בלומען שטעקען ארויס די קעפּלעך פון צווישען יונגע גרינע גראָז, קוקען ארויס און מאכען חן... ווערבעס בײַם טײַך האפּען זיך אָנטהון זייער נײַ גרינע זשופּיצע, שפּילענדיג זיך אין דעם וואסער-ריין קלאָהר ווי זילבער. פון די ווײַטע ווארמע לענדער, דאָרט פון דער פּרעמד, קומען עופות טשאטעס-ווײַז צוריק אהער אין זייער רוה ארײַן. שוועלבעלעך פלאטערן, שוועבען אהין אהער אין דער לופט, שטארק פּערטראָגען אין דעם בויען, פּעררי‌כטען נײַע און אלטע נעסטער. בָּרוּךְ הַבָּא! דאָס אלטע בעקאנטע פּאָר-פּאָלק בושליעס איז אויך לְמַזָּל דאָ אין א גוטער שָׁעָה. זי, די בושליבע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּ'ל אין דער זײַט, שטעהט בעטראכט איהר אלטע נעסט אויפ'ן שפּיץ בוים; און ער אויף די לאנגע שטאָלצען שפּאצירט זיך האָפּערדיג אויף דעם זומפּ דאָרט, קוקענדיג זיך צו א קאליוזשע, וואו עס שפּרינגען, קוואקען זשאבעס, און פּלוצלונג: „פּיק-פּיק ז" – אחאפּ אין דעם רויטען ווײַטען פּיסק ארײַן... ס'איז א לעבען, א פרייד, א פליהעניש, א זשוזשעניש, א געזינגערײַ, און א סווישטשערײַ אומעטום!...

ס'איז יום טוב! ס'איז פריהלינג-צײַט!...

(ש. י. אבראמאוויטש. מענדעלי מוכר ספרים)

---

60 רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר.

צוויי רײַזענדער האָבען אמאָל גענעכטיגט בײַ רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר. נאָך זייער אָברײַזע האָט רַבִּי פִּנְחָס געפונען בײַ זיך אויפ'ן הויף א זאק גערשטען, וועלכען די געסט האָבען געהאט פערגעסען. לאנג האָט ער געהאלטען די גערשטען און געווארטעט ביז די געסט וועלען איהם ווידער בעזוכען, כְּדֵי זיי אומצוקעהרען זייער אֲבֵדָה. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט דערווארטען. דערווײַל האָט ער בעמערקט, אז די תְּבוּאָה ווערט כַּלְיָה ליגענדיג. ער האָט גענומען די גערשטען און פערזייט בײַ זיך אין פעלד. די אויסגעוואקסענע

תְּבוּאָה האָט ער בּעהאַלטען בּעזונדער אין שײַער און אין דעם צווייטען יאָהר האָט ער עס ווידער פערזייט. אזוי האָט ער געטהון זיבּען יאָהר נאָכאַנאַנד, בּיז די געסט זענען ענדליך צו איהם ווידער געקומען. רַבִּי פִּנְחָס האָט זיי ערקענט און זיי עראיינערט וועגען דעם זאַק גערשטען, וועלכען זיי האָבּען בּײַ איהם איבּערגעלאָזען. ווי גרויס איז געוועזען זייער פערוואונדערונג, ווען ער האָט זיי אָבּגעגעבּען אַנשטאַט א קליינעם זעק'ל גערשטען א גאַנצען שײַער תְּבוּאָה.

(דברים רבה פ"ג

61 אויף דער לינקער זײַט.

שְׁמֶער'ל איז געוועזען, ניט פאר קיין יידען געדאַכט אַ פאַרטראָגענער מענש. דאָס ווײַבּ זײַנע האָט מיט איהם געהאַט צו זינגען און צו זאָגען, מעהר פון אַלעמען פלעגט זי מיט איהם האָבּען צו טהון אַלע פרײַטאָג וועגען דעם הֶעמד. ווי דער שטייגער איז בּײַ יידען, פלעגט זי איהם מיט געבּען אין מֶרְחָץ פריש וועש. דערבּײַ פלעגט זי איהם אָנזאָגען, ער זאָל געדענקען איבּערקעהרען דאָס העמד אויף דער רעכטער זײַט. און שמערל פלעגט תָּמִיד פערגעסען און אָנטהון דאָס העמד אויף דער לינקער זײַט.

איינמאָל נעהמט דאָס ווײַבּ און קעהרט איבּער דאָס העמד אויף דער רעכטער זײַט, איידער זי גיט שמערלען די וועש. דאַרף זיך גראָד טרעפען, אז שמער'ל דערמאָהנט זיך אין מֶרְחָץ און קעהרט איבּער דאָס העמד און טהוט עס אָן...

ער קומט אַהיים, דערזעהט דאָס ווײַבּ, אז ער טראָגט ווידער דאָס העמד אויף דער לינקער זײַט... הויבּט זי זיך אָן צו וואונדערן: „שלימזל", שמערל, איך האָבּ אליין מיט מײַנע הענד איבּערגעקעהרט דאָס העמד אויף דער רעכטער זײַט, און דו טראָגסט עס אלץ אויף דער לינקער זײַט?!...

— דו האָסט אויך איבערגעקעהרט ?- מאכט שמער'ל פערוואונדערט — אַ מַעֲשֶׂה, אַ מַעֲשֶׂה! דו האָסט איבערגעקעהרט, און איך האָב איבער־געקעהרט, און דאָס העמד איז אלץ אויף דער לינקער זייט!...

62 נישט ווייט איז שוין דער פריהלינג.

נישט ווייט איז שוין דער פריהלינג!
ס'וועלען שמעטערלינגען שפּרינגען!
נייע נעסטען, נייע פויגעל
וועלען נייע לידער זינגען!

די קעלט וועט זיין פערשוואונדען,
און די וואָלקען אויך צורינען,
בלאָה וועט ווייטער זיין דער הימעל —
נייע שטערען, נייע זונען!

נייע רויזען, נייע בלומען
וועקט דעם פריהלינגס זיסער הויך,
עס וועט שמאנען, שמעקען, זינגען!
און אויף אונזער הויפ'ל אויך!...

(י. ל. פרץ.)

63 פריהלינג.

עס ציהען זיך ציהען
פון הימעל און פאלען,
ווי גאָלדענע פאָדעם,
די ווארעמע שטראהלען!

די פויגעלעך זינגען,
אין וואלד און אין טהאָל.
עס הערען זיך ליעדער
ארום אָהן א צאָהל!

עס בליהען די בוימער,
עס שפּראָצען די בלומען,
צו אונז איז דער פריהלינג,
דער פריהלינג געקומען!

דאָס בינעלע זשומעט
און זויגט אָהן א מאָס
די זאפט פון די רויזען,
דעם טהוי פון דעם גראָז.

די פישעלעך שווימען
ארויף אויף די וועלען —
די טאנצען אין וואסער,
זיי שפּרינגען, זיי קוועלען...

דאָס טײַבעלע וואָרקעט,
דאָס טײַבעלע רופט:
שטעהט אויף, קינדער, ליכטיג
און פריש איז די לופט!

(ש. פרוג)

64 מאי.

ווידער איז דער מאי געקומען,
מיט זײַן צירונג, מיט זײַן פּראכט, —
אלע גראָזען, אלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואכט!

ווידער בליהט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלענצט עס איבעראל,
ווידער זינגט די נאכטיגאל.

ווידער נעהמט דער פריהלינג מאָהלען,
מיט זײַן פּענזעל וואו ער שמירט,
ווערען בערגער, ווערען טהאָלען,
ווערט די ערד מיט גרין פערציערט.

(מאָריס ראָזענפעלד).

65 דער קלוגער דינער.

דער תּנא רבּי שמעון האָט אמאָל געהייסען זײַן דינער טבי ברענגען פון מארק דאָס בעסטע, וואָס ער וועט דאָרט קריגען. טבי איז אוועק און האָט געבראכט א צונג. א צווייטען מאָל האָט רבּי שמעון איהם געהייסען ברענגען פון מארק דאָס ערגסטע, וואָס ער קען דאָרט בעקומען. טבי איז אוועק און האָט ווידער געבראכט א צונג. דאן האָט רבּי שמעון געזאָגט: טבי איז ווירקליך א קלוגער דינער, ווײַל ער פערשטעהט, אז דער צונג איז דאָס בעסטע און אז גלײַך דאָס

ערנסטע אויף דער וועלט... אזוי האָט אויך געזאָגט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: „מָוֶת וְחַיִּים בְּיַד הַלָּשׁוֹן" ד. ה. טויט און לעבען הענגען אָב פון צונג...

(ויקרא רבה פ' לג)

66 הארט און ווייך.

רַבִּי האָט געמאכט א באל פאר זײַנע תַּלְמִידִים. אויפ'ן טיש האָט מען אוועקגעשטעלט געבראָטענע צינגער, הארטע און ווייכע. די שילער האָבען געגעסען די ווייכע צינגער און איבערגעלאָזען די הארטע.

דאן האָט רַבִּי עֲקִיבָא געזאָגט: „יעצט זעהט איהר, קינדער, ווי גוט איז א ווייכער צונג!"...

(ויקרא רבה לג א')

67 דער וואָלף און דאָס לעמל.

דאָס לעמל איז געקומען צום טײַך, צו שטילען זײַן דורשט. אן אומגליק איז צו יענער צײַט אויך א וואָלף געשטאנען בײַם טײַך און געטרונקען. דער וואָלף האָט דערזעהן פון ווײַטען דאָס לעמל, האָט ער זיך שטארק ערפרייט – אָט דאָ וועט ער אָבלעקען אַ פעטען ביינדעל!... נאָר צו מאַכען „חָזִיר – פיסעל – כָּשֵׁר", איז ער צוגעלאָפען צו איהר און האָט אָנגעהויבען שרײַען:

– וואָס פאר אַ רעכט האָסטו, מיאוס'ע בְּרִיָה, מיר שמוציג צו מאַכען דאָס וואסער אין טײַך?!...

– ווי אזוי מאך איך דיר שמוציג דאָס וואסער? – ענטפערט דאָס לעמל – איך טרינק דאָך בײַ אנידריגער שטעלע פון טײַך און ווײַט פון דיר!

– דו האָסט נאָך אַ הֶעָזָה צו ווידלען זיך?!... – שרײַט דער וואָלף מיט כַּעַס.

– ווען האָב איך דיך דען געזידעלט?! – ענטפערט מיט שרעק דאָס לעטל.

– פאר איאָהרען נאָך האָסטו מיר דאָ גראָב אָנגעטראָטען. דו מיינסט איך האָב שוין פערגעסען, מײַן פרײַנד?

– ווי איז דאָס מעגליך, ליבער וואָלף, איך בין דאָך גאָר קײַן יאָהר נאָך ניט אלט!

איב נישט דו אליין, איז דאָס מסתּמא געוועזן דײַן ברודער!

– איך בין דאָך אַ בן יחיד און האָב קײַן ברידער!

– נו, איז דאָס געוויס געוועזן דײַנער אַ גוטער פרײַנד, אַ קרוב אָדער אַ גואל!

וועה איז מיר! וואָס בין איך אָבער שולדיג? – וויינט נעבעך דאָס לעטל.

– יע, דו האָסט מיר אָבגעפרעסען מײַנע פעלדער!

– ווי איז דאָס מעגליך? איך האָב דאָך נאָך גאָר קײַן ציין ניט!

– דו ווייסט מיר עפּעס צו פיעל אויסרעדען, דאָס איז פון די רעכטע סימנים...

– איך זאָג ניט קײַן תּירוצים, נאָר די ריינע וואָרהײַט!

– אַ שענע מעשׂה! הייסט עס דו זאָגסט אמת, הײַנט ווער זשע זאָגט ליגען, איך?!... גענוג צו טענה'ן! פאר דעם אליין ביסטו שוין ווערט דעם פּסק!

זאָגענדיג די ווערטער, איז דער בייזער וואָלף ארויפגעפאלען אויף דאָס לעטל ער האָט עס צוריסען און אויפגעפרעסען...

68 אויף די גערטנער אויף די פעלדער.

אויף די גערטנער אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען –
ווי די פרײַע בלאָהע וועלען,
רוישען גיסען זיך און קלינגען.

און די שנידטער געהען, אײַלען,
סערפּעס, קאָסעס גלענצען קלינגען...
אויף די טהאָלען, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.

(ש. פרוג)

69 פרעהליך זינגען אלע פויגעלעך.

פרעהליך זינגען אלע פויגעלעך
אין דעם גרינעם וואלד און זאָגען:
מענש'ל! קום צו אונז פערברייינגען
וועסט פערגעסען דיינע קלאָגען!

רוה זיך אויסעט אונטער'ן שאָטען
פון די צווייַגענדינע בוימער!
פרייַ איז אונזער וואלד פאַר יעדען –
קיין געוועלטיגער קיין שומר!"

(א. רייזען).

70 בְּרוּרְיָה.

בְּרוּרְיָה, די פרוי פון רַבִּי מֵאִיר, איז געוועזען זעהר פרום און קלוג. איינמאָל האָט איהר געטראָפען א שרעקליכער אומגליק: ווען איהר מאן רַבִּי מאִיר איז געזעסען און געלעהרענט שַׁבָּת מיט'ן עוֹלָם אין בֵּית מִדְרָשׁ, זענען ביי איהר פלוצלונג קראנק געוואָרען איהרע צוויי זיהן און זענען באלד געשטאָרבען. די אומגליקליכע מוטער האָט ארויפגעטראָגען די טויטע אויפ'ן אויבערשטען שטאָק, זיי אַרייַנגעלעגט אין בעט און פערדעקט מיט א דעקע.

אלס רַבִּי מֵאִיר איז געקומען אָבענדס אהיים, האָט ער געפרעגט די פרוי, וואָרום זענען די קינדער ניט געווען דאָס מאָל אין בֵּית מִדְרָשׁ?

– געווים זענען זיי לעדיג ניט געזעסען און האָבען ערגעץ אנדערש וואו געלערנט – האָט געענטפערט די מוטער.

רַבִּי מֵאִיר האָט זיך ווי געוועהנליך גאנץ רוהיג אָבגעגעסען אָבענדברויט. דאן איז צוגעגאנגען צו איהם די פרוי און האָט איהם געזאָגט:

– מֵאִיר! ניט לאנג האָט מיר איינער געגעבען צו בעהאלטען צוויי טהייַערע בריליאנטען, יעצט פאָדערט ער זיי פון מיר צוריק. צי זאָל איך זיי איהם אָבגעבען, אָדער ניט?

– דו פרעגסט נאָך, צו דו דארפסט אָבגעבען? – האָט רַבִּי מֵאִיר פערוואונדערט געענטפערט – גיב זשע וואָס שנעלער אָב דעם איינענטהימער זיין פִּקָּדוֹן!

— דו האסט רעכט, מיין מאן, — האט בְּרוּרְיָה בעמערקט — און איהם נעהמענדיג ביי דער האנד, האט זי איהם ארויפגעפיהרט אויבען, האט אויפגעהויבען די דעקע, און רַבִּי מֵאִיר האט פלוצלונג דערזעהן זיינע צוויי זיהן — טויט!...

רַבִּי מֵאִיר איז געפאלען אין חַלָשׁוּת פאר שרעק. ווען ער איז עטוואס צו זיך געקומען, האט איהם בְּרוּרְיָה געטרייסט:

— דו האסט דאך אליין געזאגט, מיין מאן, אז מען דארף א פִּקָּדוֹן אבגעבען דעם אייגענטהימער אזוי באלד, ווי ער פאדערט עס! לאמיר אויך אבגעבען די צוויי טהייערע ברילאנטען דעם, וועלכער האט זיי אונז אויף א געוויסע צייט געבארגט!... גאט האט געגעבען, און גאט האט גענומען!...

(יל״ש משלי ל״א)

71 „גַם זו לְטוֹבָה".

רַבִּי עֲקִיבָא האט זיך קיין מאל ניט בעקלאגט איבער זיין שיקזאל; ווען איהם האט געטראפען אנ'אומגליק, האט ער שטענדיג געזאגט: „גם זו לְטוֹבָה"! — „געווים פיהרט עס צום גוטען!"

איינמאל איז רַבִּי עֲקִיבָא אריינגעפאהרען אין א שטאדט און האט געוואלט דארט איבערנעכטיגען, אבער די איינוואהנער פון דער שטאדט זענען געוועזן שלעכטע מענשען, און קיינער האט איהם ניט געגעבען קיין נאכטלאגער. רַבִּי עֲקִיבָא איז געווען געצוואונגען, צו נעכטיגען אויפ'ן פעלד. מיט זיך האט ער געהאט אנ'עזעל, א האהן און א ליכט. ער האט אנגעצונדען דאס ליכט, האט עס דער ווינד פערלאשען, און רַבִּי עֲקִיבָא האט געמוזט זיצען אין פינסטער. ביי נאכט האט א קראט דערשטיקט זיין האהן, א לייב האט צעריסען דעם עזעל. נור רַבִּי עֲקִיבָא האט עס זיך ניט גענומען צום הארצען און האט ווי געוועהנליך געזאגט: „געווים פיהרט דאס אלץ צום גוטען!"

אין דיזער נאכט זענען מערדער בעפאלען די שטאדט און האבען

אויסגע'הרג'ט פיעל איינוואהנער. ווען רבי עקיבא האט וועגען דעם אויף מארגען
ערפאהרען, האט ער געזאגט: „איצט זעה איך, ווי ריכטיג איך האב שטענדיג
געזאגט, אז גאט פיהרט אלץ צום גוטען! ווען די איינוואהנער פון שטאדט
וואלטען מיר ערלויבט ביי זיי צו נעכטיגען, וואלט איך געוויס דארט געה'רג'ט
געווארען. וואלט דאס ליכט געברענט, וואלט דער האהן געקרייהט, אדער
דער עזעל געהירזשעט, וואלטען מיר די רוצחים בעמערקט און געה'רג'ט.
נור דורכ'ן שאדען בין איך נצול געווארען פון טויט!"

(ברכות ס')

72 זומער טאג.

דער הימעל איז בלאה, לויטער, אהן א פיצעל וואלקען. די זון בראטה
ססאריעט, עס וויהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין לופטעלע;
די תבואות אויף די פעלדער, די בוימער אין די וועלדער שטעהען שטיל ווי
צוגעקאוועט, קיין שאקעל אפילו זיך נישט צו טהון. קיה אויף דער פאשע
ליגען מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאקלען צו ווילען די אויערן, קייע
און מעלה-גרה'ן; אנדערע גראבען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער,
שארען מיט די קאפיטעס און רעווען שרייען פאר גרוים היטץ; דער בוהי
פערדרייסט דעם עק לויפט גאלאפ, ווארפענדיג דעם קאפ אין אלע זייטען,
שטעלט פלוצלים זיך אנידער אנגעבויגען דעם שטערען הארט צו דער ערד,
שמעקט, פאכעט מיט נאזלעכער, לאזט ארויס א ברומען, סאפעט און דריגעט
מיט די פיס. נעבען אנ'אלטער, אויסגעקרימטער און האלב-פערדארטער ווערבע,
איבערגעשפאלטען אין דער העלפט אמאל פון א דונער, שטעהען פערד, איינער
אויפ'ן אנדערען פערלייגט די קעפ, צו מאכען חאטש עפעס א שאטען, און
שכיסען מיט די ווידלען, פטור צו ווערען ווי ס'איז פון די בייזע פליגען. —
אויף א צוויינעל אין דער הויך וויגט זיך א סאראקע, אויסזעהענדיג פון
דערווייטען'ס ווי אנגעטהון א ווייס טלית'ל מיט פאסען תכלת פארענט, און

ראוועגט שאָקלענדיג זיך. זי בוקט זיך, פאלט תּחנון מיט'ן קעפּ'ל, שפּרינגט אביסעל אונטער, בלײַבּט דער נאָך ווײַטער שטעהן אָהן לָשון, שטעקט אויס דאָס העלז'ל און קוקט גלאט אזוי אין דער וועלט אריַין מיט פערשלאָפענע איינעלעך. — אויף דעם גאנצען וועג איז שא — שטיל! מען זאָל דאָס הערען ערגעץ א שאָרך, א פּיפּס, מען זאָל דאָס זעהן פליהענדיג ערגעץ א פויגעל! נאָר קאמארען, מיקען טראָגען זיך ווי די רוחות אין דער לופט ארום, פליהען טאנצענדיג פארבײַ די אויערן, טהוען א גרילץ, א זשוזשע, אײַנרײַמענדיג עפּעס א סוד, און באלד מאקי מארש ווײַטער. נאָר צווישען היי, צווישען תּבוּאוֹת דאָרט שמוצערען די גרילען זשומזשען און צימבעלען...

ס'איז הייס, ס'איז שטיל, וואונדערליך שיין.
שא! נאָטס בעשעפעניש רוהען!...

(ש. אבּראמאוויטש. מענדעלי מוכר ספרים).

73 קום אין וואלד!

קום אין וואלד, מײַן ליבער פרײַנד!
וואו עס סוד'ן זיך די בלעטער;
וואו עס אָטהעמט פרײַ די ברוסט,
וואו ערקוויקענד איז דאָס וועטער!

קום, מײַן פרײַנד! פון שטאָדט ענטלויף,
פון גערודער, פון געטומעל;
דאָרט אין וואלד איז גרין די ערד,
גרין די ערד און בלאָה דער הימעל.

קום אין וואלד, מײַן אָרמער פרײַנד,
וועסט פערגעסען אנגסט און לײַדען;
הערען וועסטו דאָרט קײַן פאלש...
נור פון גאָט די פויגעל רעדען!...

(א. רייזען)

74 דער קאנאריק.

עס טרילערט דער קאנאריק
אין פרײַען װאלד אליין;
װער קען זײַן שׂמחה פיהלען?
װער קען זײַן פרייד פערשטעהן?

עס טרילערט דער קאנאריק
אין רײַכסטען פאלאץ שוין
װער קען זײַן װעהטאָק פיהלען?
װער קען זײַן שמערץ פערשטעהן?

(מאָריס ראזענפעלד)

75 זומער רעגען.

די שטיקלעך אָבגעריסענע װאָלקען האָבען זיך צוזאמענגעהעפט אײנס מיט דעם צווייטען, און עס שװעבט א לײַכטער פאנסער איבער דעם הימעל, טייל ערטער איז דער פאנסער דורכגעריסען און פון די אויפגעריסענע ערטער גלענצט עפּעס, װי בעשטויבטע ליכט אזוי װייך, און פערהילט אזוי קשענריג די לײַכטע רײַזענדיגע װאָלקען.

א רעגען װעט זיין!

א שטילע ליעבע אֵימָה הערשט איבער אלץ, די גרעזער בייגען די קעפּ אײַן און רוהמען אין דער שטיל איינס צום אנדערען: „א רעגען װעט זײַן!" פון ערגעץ װײַט קומט א פויגעל אָן צו פליהען און פליהט מיט רַעַש א דורך, אָנזאָגענדיג: א רעגען װעט זײַן! און דאָרט אין פעלד שאָקעלט זיך דער בוים, די צווײַגען רוישען מיט אֵימָה...

און די פעלדער ציהען זיך, גלאָצען אין הימעל אַרײַן: הַקָדוש בָּרוך הוא, מיר זענען גרייט אָנצונעהמען דײַן גוטס, װאָס דו שיקסט אונז!

דאָרט װײַט דערהויבט א װינד דעם שטויב.

עס הויבט אָן לײַכט די ערד זאפּט אײַן די טראָפּען.

עס טריפט, און די טראָפּען בלײַבען הענגען אויפ'ן גראָז װי גוטע

טרעהרען... און פערוואָלקענט איז דער הימעל נור פון איין זייט; אויף דער צווייטער זייט שמייכעלט די זון מיט א גוט געלעכטערל...

עס הייסט: זעהט, וואס זיין ליעבער נאָמען קען!

עס הערט זיך א ווייטער דונער... גלייך פוהרען וואָלטען דורכגעריבען אויף א הארטען וועג.

די וואָלקען ציהען זיך ערגעץ אוועק, דער הימעל ווערט קלאָר, די נאסע פעלדער שמייכלען צום הימעל און דאנקען פאַר דעה שֶׁפַע...

און איבער דעם קלאָרען הימעל מיט בלאָהע פערטונקענע וואָלקען ביינט זיך אוים א גאָלדענער רעגענבויגען מיט בלאָהע קאנטען. „גאָט איז בארמהערציג, ער האָט זיך דערמאָנט"... – זאָגט דער הימעל און טריקענט די ערד מיט ליכטיגער ליעבשאפט, ווי א מאמע ווישט אָב די בעקלעך פון א פערווייטט קינד...

(שלום אש)

76 דער פערד און דער קעמעל.

– פאָטער פון הימעל! – האָט געזאָגט דער פערד, צוגעהענדיג צום כִּסֵא הַכָּבוֹד: מען זאָגט אז איך בין איינע פון די שעהנסטע חַיוֹת אין דער וועלט; איך אליין רעכנ אויך, אז דאס איז אֱמֶת, מיר דאכט זיך אָבער, אז איינגע אֵבָרִים מיינע, וואָלט מען נאך געקענט א ביסעל פערפיינערען!

– וואס זשע וואָלט מען בעדארפט נאך דיין מיינונג אויסבעסערען אין דיר? זאָג, איך בין גרייט צו לערנען ביי דיר – האָט גאָט געענטפערט שמייכלענדיג.

– מיינע פיס האָבען בעדארפט זיין א ביסעל דינער און העכער, א ביסעל לענגערע האלז וואָלט מיר אויך שעהנקייט צוגעגעבען, א ברייטערע ברוסט וואָלט פערגרעסערט מיין כֹּחַ, און אזוי ווי דו האָסט מיך

בעשטימט צו טראָגען דעם מענשען, דאָס הייסט די קריין פון אלע בעשעפעניסען, וואָלט דאָך פיעל גלייכער געווען, איך זאָל האָבען אויף מיין רוקען אַ נאַטירליכען זאָטעל!...

— גוט! — האָט גאָט געענטפערט, און די ערד האָט באלד ארויסגעבראַכט אַ קעמעל.

דערזעהענדיג דאָס נייע בעשעפעניס, האָט דער פערד אָנגעהויבען צו ציטערן פאר שרעק און פאר עקעל.

— אָט האָסטו דיך — זאָגט גאָט — אַ בְּרִיָה מיט הויכע, דינע פיס, מיט אַ לאַנגער האלז, אַ ברייטער ברוסט, מיט אַ נאַטירליכען זאָטעל אויפ'ן רוקען, אלץ וואָס דו בעגעהרסט! ווילסטו איך זאָל דיך איבערמאַכען אזוי ווי די בְּרִיָה.

— ניין ליבער פאָטער, ניין! לאָמיך שוין בעסער בלייבען, אזוי ווי איך בין איצט! — האָט דער פערד געענטפערט מיט אַ ציטערנדער שטימע.

— געה זשע אין שטאַל אריין און בעקלאָג זיך נישט אומזיסט! — האָט גאָט געזאָגט — און דו קעמעל, ערגער זיך נישט איבער דיין מִאוּס געשטאַלט! דו וועסט זיין דער פאר אַ קלוגע און אַ נוטצליכע חַיָה אויף דער וועלט!

פון יענער צייט אָן עקסעסטירט דער קעמעל אויף דער ערד. נאָר ווען דער פערד דערזעהט איהם, ווערט ער אַ פארציטערטער...

(אראבישע לעגענדע).

77 זומער פארנאַכט.

מִנְחָה צייט. אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט אָן צובלאָזען, און אויפ'ן הימעל ווייזען זיך שטיקלעך וואָלקען, אויף וועלכען מען האָט ארויסגעקוקט שוין אַ לאַנגע צייט, ווי אויף טהייערע געסט. די בוימער הויבען פאַמעלאַך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אנדערען איינגעבויגען דעם קאָפּ, און פיהרען זיך אַ שמועס אויף זייער לָשׁוֹן, נאָכדעם אז זיי האָבען אזוי לאַנג געשוויגען שטיל.

דאָס װיטעלע האָט אויפגעװעקט די שלאָפעדיגע תּבוּאָה, אלע זאנגען האפּען זיך, װי יונגע קינדער, אויף מיט א קול און צוקושען זיך גאָר פריינדליך. גאָטס בעשעפעניש ריהרט זיך אומעטום: אויפן פעלד, אין װאלד און אין דער לופט. איינס נאָך דאָס אנדערע טרעטען שפּיעלפויגעלעך ארויס, אויף צווייגעלעך, בוימלעך, נידעריג און גאנץ הויך, פוצען זיך די פעדערלעך. א װויש מיט דעם שנעבעלע, א טרעסעל, א שאָקעל און הויבען אָן די זיסע זמירות צו דינגען צו שווישטשען. באַבעטשקעס רײַך געקליידעט, אין אטלעס, סאמעט, מאַרע־אנטיק מיט טהייערע ציהרונג, חאפען א טענצעל, שוועבענדיג אין דער לופט, הייבען זיך, דרעהען זיך און מאכען מיט די פליגעל. צווי בושליעס, גװאַרדייצעס מיט לאנגע רויטע פיס, שטעהען אויפן גראָז, פערדרייסענדיג די קעפ אין דער הויך, און קוקען מיט גדלות. עפּעס א קונדעס א פויגעל שטיפט, פליהט פון איין בוים צום אנדערען, מאכט; „קו קו!, קו קו!"; װי ער שפּילט זיך אין בעהעלטעניש. איהם ענטפערט אָב פון צווישען װייץ און קאָרן אנ׳ אנדער מין פויגעל עפּעס: „פּיק — בער — װיק", „פּיק — בער — װיק"! װי גערעדט: „אייביג װעסט דו מיך דאָ נישט חאפען, חאָטש שיט מיר אָן זאלץ אויפן עק! פּאקט זיך, ר׳ קרוב, װייטער און א װעק, א װעק!"... נישט װייט אין א װעלדעלע קנאקט דער סאָלאָווי, צולאָזט זיך אויף זײַן העלזעלע, מאכט זיסע שטיינער און שפּילט גאָר מחיה. איטליכער װאָס קען נאָר עפנען א מויל האלטאונטער דעם װעלטבעריהמטען חזן... זשאבעס אָפילו טערלייקען ערגעץ פון די טײַכלעך, אָפילו פליגען, בינען, האָבען נישט געשװיגען. און דער זשוק — דער שיינעץ, דער אָנחאפּער, האָט פליהענדיג אויך געזשומשעט. דאָס איז אזא קאָנצערט, װעלכען מען מעג אויף בילעטען געהן הערען... די גאנצע װעלט איז עפּעס װי לעבענדיג געוואָרען און בעקומען א פרעהליך פּנים. א פרייד, א פערגעניגען צוהערען, צוזעהן, צושמעקען די זיסע ריחות פון אלע זײַטען. ס׳איז גוט! ס׳איז שעהן! עס ציהט עפּעס בײַ דער נשמה, עס רעדט עפּעס צום הארצען: גאָטס װעלטעל איז שעהן! גאָטס װעלטעל לעבט! עס ציהט און גלוסט זיך אריינװארפען זיך עפּעס אהין, אהין מיט הענד און פיס!...

(ש. אבראמאָוויטש, פישקע דער קרומער, מוכר ספרים)

78 זומער נאכט.

ליכטיג שייַנט דער אבענד-שטערען,
שאָטענס ליגען אויף די פעלדער,
פייַכטע קיהלקייַט וועהט און גיסט זיך
פון די גערטנער, פון די וועלדער.

און די גרויסע אלטע בוימער
שאָקלען מיט די גרינע בלעטער,
און מיר דאכט זיך, אז זיי רוישען:
-„זעה ווי פריש איז דאָ דאָס וועטער!"

טראָפּענס טהוי, ווי פעריל, גלענצען
און די לעצטע אָבענד שטראהלען,
אין די פייַכטע גרינע טהאָלען
שלאָגען פרישע, קאלטע קוואלען.

(ש. פרוג)

79 עס לייַכטען די שטערען.

עס לייַכטען די שטערען,
און בלאָה איז די נאכט
צי האָסטו דיך, ברודער,
אויף זיי ווען פערטראכט?

עס גיסען זיך גאָלדענע
שטראָמען אָהן שיעור,
צי האָבען דייַן הארץ זיי
בעריהרט ווען אין דיר?

הערסט? ס'טרילערט דער פויגעל
מיט שטילען פערלאנג —
צי פיהלסטו, פערשטעהסטו
זייַן ליעד זייַן געזאנג?

(י. י. פראפעס)

80 אלץ שלאָפט.

שטיל די וואָלקען אין דער לופטען,
פון אַ ווינטעלע קיין וועהען,
פון אַ בערגעלע קיין ווינקען,
פון דעם הימעל קיין נעשטער.

פון דעם טײַכעלע קיין מורמעל,
פון אַ בוימעלע קיין שאָקעל,
פון אַ בלעטעלע קיין שעפטשע,
פון אַ צווײַגעלע קיין וויג.

פון די לעמעלעך קיין מעקען,
פון די פייגעלעך קיין פיפּטשען,
פון די פליגעלעך קיין זשומזשען,
פון אַ ווערעמ'ל קיין ריהר!

(מ ראזענפעלד).

81 דער שווינדעל ענטדעקט.

אין דער שטאָדט מְחוֹזָא האָט געוואָהנט אַ מאַן מיט דעם נאָמען בַּר־תַּלְמִי, וועלכער איז געוועזן זעהר פערדאָרבען, נור פאר דער וועלט האָט ער זיך שטענדיג מאסקירט, און מען האָט איהם געהאלטען פאר אַנ'אָרענטליכען מענשען.

אַמאָל האָט איהם איינער געגעבען צובעהאלטען הונדערט טאָלער ווען ער איז געקומען אָבנעהמען דאָס געלד, האָט איהם בַּר־תַּלְמִי געענטפערט, אז ער האָט איהם שוין לאנג זיין געלד אָבגעגעבען. יענער האָט איהם גערופען אויף אַ דין תּוֹרָה צו רָבָא בַּר יוֹסֵף. אלס רָבָא האָט אויסגעהערט זייערע טַעֲנוֹת, האָט ער גע'פַּסְקְ'נט, בַּר־תַּלְמִי זאָל שווערען, אז זיינע רייד זיינען אֱמֶת.

בַּר־תַּלְמִי איז אוועק אהיים, האָט אויסגעבויערט אַ לאָך אין זיין

שטעקען און האָט דאָרט אַרײַנגעלעגט די הונדערט טאָלער. ווען ער איז געקומען צו דער שבועה, האָט ער געזאָגט צו דעם בעל דין: „האַלט צו אַ רגע מײַן שטעקען, וועל איך נעהמען די ספר-תורה, צו שווערען" — דער בעל דין האָט גענומען דעם שטעקען, און בר-תלמי האָט געשוואָרען, אַז ער האָט איהם זײַן געלד אָבגעגעבען.

ווי דער בעל דין האָט דערהערט בר-תלמי'ס שבועה, איז ער שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען און האָט פאַר כעס אוואָרף געטהון דעם שטעקען אויף דער ערד. דער שטעקען איז צעבראָכען געוואָרען, און דאָס געלד האָט זיך פערגאַנדערגעשאָטען...

אזוי איז אונערוואַרטעט דער שווינדעל ענטדעקט געוואָרען!

(ויקרא רבה פ"ו)

82 דאָס העמד.

אַ קיסר איז געפעהרליך קראַנק געווען. זײַנע ערצטע האָבען ניט געפונען קיין מיטעל, ווי איהם אויסצוהיילען. אַן אַלטער מאַן האָט געזאָגט, ווען מען זאָל אָנטהון דעם קיסר אַ העמד פון אַ גליקליכען מענשען, וועלכער איז צופרידען מיט זײַן שיקזאַל, וועט ער באַלד געזונד ווערען.

מען האָט זיך ארויסגעלאָזט אין לאַנד זוכען אַ גליקליכען. מען האָט געזוכט און געזוכט און נישט געפונען: איינער איז רײַך, איז ער אָבער קראַנק; דער צווייטער איז געזונד, איז ער אָרעם; דער דריטער איז רײַך און געזונד, האָט ער קיין קינדער ניט; דער פערטער האָט קינדער, זענען זיי שלעכטע, און ער האָט פון זיי צרות. — אזוי האָט זיך יעדער בעקלאַגט אויף זײַן שיקזאַל, און אין גאַנצען לאַנד האָט זיך ניט אָבגעזוכט איינער, וועלכער זאָל זיך רעכנען גליקליך.

איינמאָל, פאַראבענדס האָט דעם קיסר'ס זוהן שפּאַצירן אונטער'ן שטאָדט. געהענדיג פאַרביי א נידריגע און אָרעמע שטיבעלע, האָט ער דערהערט, ווי איינער רעדט צו זיך:

– געלויבט איז גאָט! איך האָב מיר געענדיגט די אַרבייט און צו זאַט אָבגעגעסען, איצט ליג איך מיר רוהיג אין בעט און רוה זיך אויס; וואָס פעהלט מיר נאָך? הַלְוַאי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זאָל מיר אזוי אויך ווייטער, אויף מיין גאַנצען לעבען, קיין זאַך ניט פעהלען!

דער פרינץ איז שנעל אַריין צו דעם גליקליכען, בעטען ביי איהם זיין העמד.

דער גליקליכער האָט אָבער קיין העמד אויף זיך ניט געהאַט!...

83 הערבסט-מאָטיוו.

וואָס וויל ער, דער וואָלקען, דאָרט איבער מיין שטיבעל,
וואָס רויבט ער אוועק מיר דאָס ליכט?
און האָט ער א רעגען, – וואָס ציינערט ער, ציהט ער,
וואָס טויג איהם אזוי, וואָס ער קריכט?

און האָט ער א רעגען, – זאָל שטראָמען און גיסען!
איך וועל איהם א שותּף נאָך זיין
מיט ביטערע טרעהרען, – וואָס אָבער פערשטעלט ער
פון מיר נאָך דאָס ביסעלע שיין?...

(י. י. פראפום)

84 הערבסט נאַכט.

פינסטער אין שטום
איז ארום און ארום,
עס וואָיעט דער ווינד,
ער וויינט ווי א קינד.

פינסטער אין דרויסען,
עס ברוסען און רוישען
די ביימער אין וואלד,
ס'איז שרעקליך אין קאלט!

(נאך י. פרץ).

85 איך שטעה ביי דעם וואלד.

איך שטעה ביי דעם וואלד,
וואו ס'האט זיך נישט לאנג
פון פוינעל געהערט
א געטליך געזאנג —
פון ליעבע און טרייסט,
פון שענהייט און פראכט — —
איך שטעה ביי דעם וואלד
און טרויער פערטראכט:

וואו זענען זיי צינד
די פויגעלעך וואו?
אין לענדער פערפרעמדט —
צי האבען זיי רוה?
צי זינגען זיי דארט
אויך ליעדער פון גליק?
צי ציהט זייער הארץ
אהערצו צוריק?...

(י. י. פראפוס),

86 שפארזאמקייט איז נים קיין קארגשאפט.

רבי עקיבא איז אמאל געגאנגען מיט זיינעם א חבר זאמלען נדבות פאר די ארעמע שילער פון דער ישיבה. ווען זיי זענען געקומען צו דער טהיר פון בן בונינ'ס הויז. וועלכער איז געוועזן א גרויסער עשיר, האבען זיי געהערט, ווי זיין דינער פרעגט איהם: „וואס זאל איך, מיין הער, פאר אייך היינט קויפען צום עסען?" — קויף מיר אונערקיצם — זאגט דער בעל הבית — אבער נים פון די, וועלכע מען האט היינט געבראכט אויפ'ן מארק, זאנדערן געכטיגע אדער אייער-געכטיגע, ווייל די זענען בילינער".

— דער מאן איז קארג, ער וועט אונז געוויס גאר נישט געבען, לאמיר בעסער גאר נים אריין צו איהם! — האבען געזאגט די געלעהרטע, און זענען זיך אוועק ווייטער.

אבענדס, ווען זיי האבען זיך אומגעקעהרט אהיים און זענען פארביי געגאנגען בן־בונינ'ס הויז, האבען זיי זיך מישב געווען און זענען דאך אריין צו איהם נאך א נדבה. דיזער האט זיי פריינדליך עמפפאנגען. און ווען ער האט ערפאהרען

זייער פערלאנג, האָט ער זיי איילינג געבראכט א גאנצען טאָפּ רענדליך. — אויף זיין פראגע, וואָרום זיי זענען צו איהם אזוי שפעט געקומען, האָבען זיי איהם דערצעהלט די וואַרהייט, אז זיי זענען שוין דעסמאָרגענס געווען ביי זיין טהיר, נור הערענדיג זיין געשפרעך מיט דעם דינער, האָבען זיי איהם אָנגענומען פאר קאַרג און האָבען גערעכענט, אז ער וועט זיך געוויס ענטזאָגען פון געבען א נְדָבָה.

— ווען איך וואָלט נישט געלעבט שפּאַרזאַם, וואָלט איך ניט געקומען צו דער מַדְרֵגָה צו געבען נְדָבוֹת — האָט בֶּן-בּוּגָן געענטפערט — שפּאַרזאַמקייט איז ניט קיין קאַרג'שאַפט!

(ירושלמי פּסחים פ׳ ד׳ סוף הל׳ ה׳)

87 א ריכטיגער מִשְׁפָּט.

אַלֶכְּסַנְדֶר מוּקְדוֹן, וועלכער האָט מיט זיין גְבוּרָה איינגענומען פיעל מְדִינוֹת, איז געקומען מיט זיין חַיִל אין דער לאנד כּוּשׁ. די איינוואָהנער פון כּוּשׁ האָבען זיך שטארק דער'שראָקען און האָבען בעשלאָסען, זיך אונטערצוגעבען אין פריעדען. דער קעניג פון כּוּשׁ איז ארויס מְקַבֵּל פָּנִים זיין אַלֶכְּסַנְדֶר מוּקְדוֹן און האָט איהם ענטגעגענגעבראכט א גאָלדענע טאַץ, אויף וועלכע עס האָבען זיך געפונען גאָלדענע חַלוֹת, גאָלדענע עפּעל און גאָלדענע טילגרוימען.

אַלֶכְּסַנְדֶר האָט געפרעגט:

— עסט מען דען ביי אייך חַלוֹת און פרוכט פון גאָלד!

— און ביי אייך פעהלט דען ברויט און פרוכט אין לאנד, וואָס איהר זענט געקומען צו אונז אוועקנעהמען אונזער לאנד? — האָט געפרעגט דער מֶלֶךְ פון כּוּשׁ.

— די האָסט רעכט — האָט געענטפערט אַלֶכְּסַנְדֶר — איך וועל אייער לאנד ניט אוועקנעהמען! ערלויב מיר נאָר אריינצוגעהן צו אייך, כְּדֵי זיך צו בעקאָנען מיט אייערע אָרדנונגען און מִנְהָגִים.

— מיט פערגעניגען! — האָט געענטפערט דער קעניג פון כּוּשׁ.

צו יענער צײַט זענען צוויי מענער געקומען צום קעניג פון כוש צום מִשְׁפָּט.

– איך האָב בײַ דיזן מאן – טַעֲנה'ט איינער – געקויפט א פעלד, יעצט האָב איך אין פעלד געפונען אַן אוֹצָר, וויל איך איהם אוֹצָר אָפּגעבען, און ער וויל ניט נעהמען.

– דער אוֹצָר געהערט איהם – טַעֲנה'ט דער צווייטער – איך האָב איהם פערקויפט דאָס פעלד, דערום געהערט איהם אויך אלץ, וואָס אין פעלד געפינט זיך!

– ניין! – טַעֲנה'ט ווידער דער ערשטער – איך האָב בלויז געקויפט דאָס פעלד, אָבער ניט דעם אוֹצָר!

– האָט איהר יונגע קינדער? – האָט געפרעגט דער קעניג.

– איך האָב א יונגען זוהן – האָט געענטפערט איינער.

– איך האָב א יונגע טאָכטער – האָט געזאָגט דער אנדערער.

– זענט זיך מְחַתֵּן און גיט אָב דעם אוֹצָר אײַערע קינדער – האָט גע'פַּסְקְ'ט דער קעניג. ווי אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדוֹן האָט דערהערט דעם פְּסַק, איז ער שטארק נִתְפָּעֵל געוואָרען.

– וואָס וואונדערסטו זיך – האָט געפרעגט דער קעניג – האָב איך דען שלעכט צוגע'מִשְׁפָּט? ווי וואָלט מען דען בײַ דיר אין לאנד בעשטימט, ווען זאָ וואָס וואָלט פאָרגעקומען?

– בײַ אונז – ענטפערט אַלֶכְּסַנְדֶר – וואָלט מען ביידע בַּעֲלֵי־דְבָרִים אויפגעפיהרט אין דולהויז, און דער אוֹצָר וואָלט אריבער צו דער רעגירונג!..

– שײַנט אין אײַער לאנד די זון?

– יע!

– און רעגענען געהט בײַ אײַך?

– יע!

– געפינט זיך בײַ אײַך פיה?

– יע!

אויב אזוי איז עס רעכט! – זאָגט דער קעניג פון כּוש – זון און רעגען זאָל עס בּײַ אײַך נור צוליעב די פיה, וועלכע זענען ריין פון שולד!...

(בראשית רבה, פ׳ ל״ג)

88 ווינטער.

בּעדעקט האָט דער ווײַסע, דער זילבּערנע שניי
די וועלדער, די בּערג און די טהאָלען;
עס גלענצען די בּוימער: עס הענגען אויף זיי
די צווײַגען ווי העלע קריסטאַלען.
די יונגינקע ווערבּע בּײַ׳ם בּרעג פון׳ם טײַך,
די צעדער, די שטאַרקע און אלטע –
און ווײַסע חבריכים האָט אָנגעטהון גלײַך
זיי אלע דער ווינטער דער קאַלטע...

(ש. פרוג)

89 ווינטער-פאַרנאַכט.

א איינאָרטיגער, גראָהער הימעל ליגט שווער איבּער דעם שטעדטל. די נאַסען זענען מיט שניי בּעשאָטען, הויכע קופּעס שניי, ווי ערשט פון גאָט׳ס אוצר אראָבּגעפאַלען. אזוי גלײַך, אזוי אָבּ עטאָקט ווי מען וואָלט מיט צופלײַס איין; פראָשעקל אויפגען צווייטען ארויפגעהויכט. זיי ליגען פאר די הייזער, און די הײַזלעך – ווײַסע נאַכט-קאָפּקעלעך אויף די קעפּ... דער מאַרק, די שוואַרצע בּריק – מיט שניי בּעשיט. עס דאַכט זיך, אז אלץ

בליהט פון זיך מיט שניי... אויך די צווייַגלעך פון די בוימער ציהען פון זיך לאנגע שניי־שטריקלעך. און עס דאכט זיך: אָט, אָט האָט דאָס צווייַגעלע ווייַסע שניי־בלומלעך פון זיך ארויסגעצויגען...

ארום און ארום איז א ווייַסע וועלט: ווייַסע גאסען מיט ווייַסע הייַזלעך. אויך דער בארג איז אין ווייַסען אָנגעטהון. אין שטעדטל זעהט שטענדיג אויס ווי צו מִנְחָה צייַט.

און דער שניי פאלט. דרעהען זיך יידין אין גאס ארום פערשטעלט ער זיי, מאכט פון יונג אלט, פון אלט יונג. חֵדֶר יינגלעך טרעטען אין שניי אוועג אויס אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אריין און עס לאָזען זיך אויף דעם אויסגעטרעטען שטעגעל, צווישען די קופקעס שניי, איין ייד נאָכ'ן אנדערן, אייַנגעבויגען, אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אריין מִנְחָה דאווגען.

און דער שניי פאלט און פאלט...

(שלום אש)

---

90 אין די לעצטע ווינטער טעג.

דער ווינטער ווייַזט זיַין ווילדע, שרעקליכע קראפט, גלייַך ווי א פאר־וואונדעטע חַיָה־רָעָה, אין וועלכער עס צוברענט זיך די רְצִיחָה, פיהלענדיג איהרע לעצטע מינוטען, און וויל זיך חאָטש אביסעל נוֹקם זיַין, איידער זי גערהט אוועק פון דער וועלט. עס האָט זיך צושפילט א שטארקער שטורמווינט, מיט א הוזשען, א געהייל, ווי פון טשאטעס הונגעריגע וועלף, און רייַסט דעכער, קעהרט, טראָגט גאַנצע זייַלען שניי פון דער ערד ארויף, אויסמישענדיג עס אין דער לופט מיט א פריש, פערפרוירען שנייעלע — ערשט ארויסגעשאָטען פון שווארצלעך גראָהע המארעס, וואָס האָבען בעדעקט דעם הימעל ארום און ארום,

אַנמאַכענדיג אויף איטליכען מיט זייער פינסטער פּנים, אַ שרעקליכע מָרה שְׁחוֹרָה.

אויף די געזימסען אונטער'ן דאַך שטעהען איינגעהויקערט, מיט איינ־געצייגענע העלזלעך וואָראָנעס נעבאַך, אויסבעהאַלטענדיג זיך פאַר דער שרעקליכער בּורע, וואָס האָט זיי פּלוצלים אָנגעפּאַלען, עפּעס ווי זיך שטאַרק געוואונדערט: אין אַזאַ צייט, ווען בּיי לייטען, אין יענע געגענטען דאָרט, איז שוין זומער, וואַרם, כּיתּה, זאָל זיך דאָ אַזוינס פּלוצלים מאַכען...

בּוימער פאַר דעם פענסטער, נאַקעט, מיט היילע ריטער, אָהן אַ סימָן לעבען, ווי גרויסע פערדאַרטע בּעזעמער, שאָקלען זיך, וואַרפען זיך, אָנבויגענ־דיג די קעפּ, וואָהין דער ווינד בּלאָזט, און דאַכט זיך אָט ווערען זיי צעבּראָכען, עס ווערט פון זיי אַ הויפען שפּענער!...

(ש. י. אבראמאוויטש. מענדעלי מוכר ספרים)

91 הוליעט, הוליעט בּייזע ווינדען!

הוליעט, הוליעט בּייזע ווינדען,
פריי בּעהערשט די וועלט!
בּרעכט די צווייגען, וואַרפט די בּוימער,
טהוט וואָס אייך געפעלט!
טרייבּט די פויגעל פון די וועלדער
און פעריאָגט זיי פאָרט,
די וואָס קענען ווייט ניט פליהען
טויטעט זיי אויפ'ן אָרט!

רייסט די לאָדען פון די הייזליך,
שויבּען בּרעכט אַרויס!
בּרענט אַליכטעל ערגעץ דונקעל־
לעשט מיט צאָרען אויס!
הוליעט, הוליעט בּייזע ווינדען,
יעצט איז אייער צייט!
לאַנג וועט דויערען דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!...

(א. רייזען)

92 בערעלע שלים׳מזל.

בערעלע שלים׳מזל איז אין א בייזע שעה געבארען געווארען. פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט פערפאלגט איהם דער שלים׳מזל טריט פאר טריט.

גלייך ווי ער עפענט אויף זיינע אויגען אין דער פריה, פליהט איהם אריין א קליינע פליג אין אויג.

געהט ער ארויס פון בעט, טרעט ער אריין מיט א בארפוסע פוס אויף א שארפען טשוואק.

ער נעהמט פריהשטיקען, געפינט ער די קאפע קאלט, די מילך זויער, און פליגען שווימען ארום אין איהר.

רויכט ער א ציגאר, פערטראכט ער זיך און נעהמט אריין דעם שפיץ מיט׳ן פייער אין מויל אריין.

בייסט ער איין אן׳עפעל, — טרעפט ער גראדע מיט די ציין אין ווארעם; קנאקט ער ניס, — זענען אלע פוסטע; עסט ער פיש, שטעלט זיך איהם אוועק א ביין אין האלז.

וויל ער זיך האסטיג אנקלייַדען, רייסט זיך אב דער אויערל פון שטיוועל, אדער ער שטעקט אריין די רעכטע האנד אין לינקען ארבעל...

שרייבט ער נויטיגע בריעף, מאכט ער אימער א פעהלער ביי דער לעצטע שורה און מוז די בריעף נאך אמאל איבערשרייבען; און אז ער בריעף איז שוין ריין און ריכטיג איבערגעשריבען — פערגיסט ער איהם מיט טינט אנשטאט צו פערשיטען מיט זאמד... על פי רוב טרעפט זיך דאס מיט איהם, ווען ער שרייבט אויף הערבאווע פאפיער.

געהט ער אויף א באל — פערגעסט ער אימער זיין טאשענטוך, גראדע ווען ער האט קאטאר.

זיצט ער אין רעסטאראן ביים עסענטיש, שעפט ער מיט זיין לעפעל פון א פרעמדען טעלער.

דארף ער פאַר זיין מאָהלצייט בעצאָהלען, געפינט ער, אז ער האָט זיין פאָרטמאָנע צו הויז פערגעסען.

געהט ער פון רעסטאָראַן אַהיים, נעהמט ער אימער אַ פרעמדע הוט און מוז איהם דעם אייגענטהימער גראָדע אויף דער שטראַסע צוריקגעבען.

קומט ער שפעט ביינאַכט צו הויז, געפינט ער, אַז ער האָט דעם שליסעל פונ'ם הויז=טויער פערלאָרען. פאַנגט ער אָן צו קלינגען, רייסט ער אָב דעם דראָהט פון דער גלאָק...

פאָהרט ער אויף דער אייזענבאַהן, שלאָפט ער אימער איין צעהן מינוט פאַר דער סטאַציאָן, וואו ער דאַרף אויסשטייגען, און דער קאָנדוקטאָר וועקט איהם אויף, ווען ער איז שוין אַ מייל דרייסיג פון יענער סטאַציאָן אָבגעפאָהרען...

אין אַ פריה=מאָרגען האָט ער אַ מאָל בעקומען צוויי בריעף: איינער איז געוועזען פון אַ שניידער, וועלכער האָט ביי איהם געבעטען, ער זאָל איהם וואָס צו'ם גיכסטען אָבשיקען די הונדערט רובעל, וועלכע ער איז איהם שולדיג געוועזען פאַר קליידער, ווען ניט, — וועט ער איהם אָנקלאָגען; און דער צווייטער בריעף — פון זיינעם אַ וויטען קרוב, אַ שנאָרער, מיט דער ביטע, איהם מיט עטליכע רובעל אונטערצושטיצען. בערעלע שלים'מזל האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט, און אָנגעשריבען צוויי בריעף: אין איינעם פון זיי, צום שניידער, האָט ער אַריינגעלעגט הונדערט רובל פאַר'ן חוב, און אין דעם צווייטען דאָט ער אויסגע'בטל'ט אַלע בייזע חלומות צום קרוב'ס קאָפּ. — ער האָט אָבער די אַדרעסען פערביטען: די הונדערט רובעל זענען אָנגעקומען צום קרוב, און די בייזע חלומות צום שניידער...

איינמאָל איז ער געקומען מיעד פון גאַס אין אַ נאַסען וועטער און האָט זיך געוואָלט צושפאַרען אויפ'ן בעט אַ ביסעל אָברוהען, האָט ער על פּי טעות אַוועקגעלעגט דעם נאַסען שירעם אין בעט, און אַליין זיך אַריינגעשטעלט אין ווינקעל...

אַזעלכע צרות ליידעט ער אַלע טאָג פון פריהמאָרגען ביז שפעט ביינאַכט.

(נאָך מ. וויפערט).

93 די פלעדערמייז.

ווען יהושע בן נון
האט איינגעהאלטען די זון,
ווי אין נביאים איז געשריבען,
האבען זיך צוזאמענגעקליבען
אלע פלעדערמייז פון דער וועלט,
קיין איינציגע ניט געפעהלט,
און אלע מיט א מאל
האבען געשריהען אין איין קול:
„שלעכט, מיר געהען פערלאהרען!
עס איז דאך ליכטיג געווארען!...
שיסען, הענגען, שניידען, שטעכען,
רוק און לענד דאמיר צעברעכען
דעם ליידאק, דעם ליכטפערשפרייטער!
שאט! אט איז ער! אט געהט ער!"
„איז דען שלעכט די ליכטיגקייט, די זון?"

— פרעגט פערוואונדערט יהושע בן נון,
— „דו טרייבסט כתבית?!
ענטפערען די מייז —
ליכט איז פעסט, סם המות,
פינסטערניש — חיות, אונזער שפייז!"
— ניין! מעהר ווערט ניט בעגייט —
זאגט יהושע — אייער גאלדענע צייט
מיט די פינסטערניש פון מצרים,
האטש שרייט „חי וקים"!...
גענוג האט איהר געקוועלט
אין דער פינסטערניש די וועלט!
איצט קומט ליכט, קומט שיין,
אנדערש קען עס שוין ניט זיין!
און איהר פינסטערע פערברעכער,
פערשטעקט זיך שנעלער אין די לעכער...

(נאך י. ד. ריזבערג).

94 שבת־ליכט.

שבת ליכט און שבת לאמפען,
אי, ווי זיס איז אייער שיין!
וויפיעל ברענגט איהר טרויסט דעם יידען
אין זיין עלענד, אין זיין פיין!...

קומט צו אונז דער שבת קודש,
ווי עס ווערען ליכט געבענשט,
באלד אנטלויפט די מרה שחורה,
און מען ווערט א נייער מענש!

(נאך היינע).

95 די לעזעריו.

פרייטאג צו נאכט.

אינ'ם שטיבעל איז שרעקליך שטיל. אין ד' אמות שלאפען זיבען נפשות.

דער אלטער וואסערטרעגער האט נישט געהאט: נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין בראנפען און נישט קיין חלה. ער האט קידוש געמאכט איבער ברויט. עס איז קוים געבליבען אויף צוויי גראשענע בענשליכט. ער האט אפילו קיין פריש העמד נישט בעקומען.

איין עונג שבת איז איהם געבליבען: אויסשלאָפען זיך פאר אַ גאנצע וואָך.

דעם זעלבען עונג שבּת דאט דאס ווייב אויך... אַ גאנצע וואָך לויפט זי ארום אין די דערפלעך, קויפט אויף אייער, חזיר־האָר, שמאַטעס. די וואָך איז זי געלאָפען אָהן געלד, זי האָט אומזיסט געבעטען קרעדיט און איז אַהיים גע־קומען פרייטאָג פארנאַכט אָהן סחורה, אַ גע'הרג'טע, אַ פערמוטשעטע... קוים האָט זי אָבגעבענשט ליכט, איז זי אויך אַנידערגעפאַלען און איז איינגעשלאָפען.

געוועהנליך שלאָפט דער וואַסערטרעגער מיט דריי, און זי מיט צוויי קינ־דער צוזאַמען. היינט זענען זיי ביידע צופריה אַנשלאָפען געוואָרען, די קינדער האָבען זיי נישט גע'וואַלט וועקען, און זיי ליגען צולייגט און חראָפען. אויף דער גאָלער ערד.

פון בענשליכט צאַנקט נאָך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואַך.

די עלטסטע טאָכטער.

די צערפלאָסענע האָר זענען רויט, דאָס פּנים געל, געניעדערט פון קאָר־מייפעל נישט צו דער זאַט, אין די אויגען דאָך ברענט; די איינגעפאַלענע ברוסט הייבט זיך און פאַלט, די דאַרע הענד ציטערן...

זי לעזט ביי'ם צאַנקענדען ליכט אַ בוך. די ליפען ציטערן פאַר אוּנגעדולד.

זי איז צורודערט, זי שרעקט זיך: טאָמער געהט איהר אויס דאָס ליכט'ל, און זי וועט נישט געוואָהר ווערען דעם סוף פון דער מעשה...

(י. ל. פרץ).

96 אַ געזונד זאָלבע אַכט.

אַ געזונד זאָלבע אַכט
און בעטען נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפען דאן זיי?

דריי מיט'ן טאַטען,
און דריי מיט דער מאַמען, —
הענדלעך און פיסלעך
געפלאָכטען צוזאַמען!

און קומט אָן די נאַכט,
מען דאַרף זיך אויסבעטען,
דאן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטען.

זי מיינט מיט אַן'אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויך איינג איז אין קבר,
דאָך ליעגט מען בעזונדער!...

(א. רייזען).

97 עס מוז זיין ווייט אמעריקע.

משה׳ל האט זיך אויפגעחאפט פון שלאף, איז אראב פון זיין בעטל און איז אוועק צו׳ם פאטער אין בעט, אזוי ווי ער איז געוואוינט געווען צו טהון אלע פריהמארגען דער פאטער פלעגט איהם, ליגענדיג אין בעט, דערצעהלען שענע מעשׂות, און די מעשׂות פלעגען משה׳לען שטארק געפעלען.

צו זיין גרויסען וואונדער, האט ער דיעזעס מאל ניט געטראפען דעם פאטער אין בעט.

— וואו איז דער טאטע? — האט ער געפרעגט די מוטער שטארק פערוואונדערט.

— דער טאטע איז דאך נעכטען אוועקגעפאהרען? — ענטפערט די מוטער.

— וואוהין?

— ער האט דאך דיר געזאגט, אז ער פאהרט נאך אמעריקע.

— פארוואס איז ער נאך ניט צוריקגעקומען? ער האט דאך פערשפראָכען, אין גיכען צו קומען...

— קירצליך וועט ער קומען, קינד מיינס! ער וועט דיר ברענגען א שיינע מתּנה!

— א מתּנה וועט ברענגען דער טאטע? גוט? ווען? מארגען, מאמע?

— אפשר מארגען — ענטפערט די מוטער מיט א טרויעריגען, אבער פריינדליכען טאָן, און איין טרעהר נאך דער אנדערער קייקלען זיך אויף איהרע באקען.

— וואס וויינסטו, מאמע?

— גארנישט, מיין טייערער, איך וויין ניט — ענטפערט די מוטער און קושט דעם קינד אויפ׳ן קאפ.

אזעלכע געשפרעכען פלעגען זיך ווידערהאָלען צווישען משה׳לען מיט דער מוטער אלע פריהמארגען א גאנץ לאנגע צייט, און דער מוטער׳ס טרעהרען פלעגען מאכען משה׳לען שטארק עגמת נפש.

— נאר פארוואס קומט אבער ניט דער טאטע? — פלעגט זיך ערגערען משה׳לע...

— עס שיינט, אז אמעריקע איז זעהר זעהר ווייט!... האט זיך משה׳לע געטראכט אין הארצען, וועלכעס האט זיך צוזאמענגעפרעסט, בענקענדיג נאכ׳ן טאטען...

(מ. קרינסקי.)

98 שלאָף מיין קינד.

(א וויעג-ליעד).

שלאָף, מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שענער,
שלאָף, מיין זוהנעניו!
שלאָף, מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע ליו-ליו.

בײַ דײַן װיגעל זיצט דײַן מאַמע,
זינגט אַ ליעד און וויינט;
װעסט אמאָל פערשטעהן מסתמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

און „אַמעריקע" דער טאַטע
דײַנער, זוהנעניו!
ביזט אַ קינד נאָך, שלאָף לעת=עתּה,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

דאָס „אַמעריקע" פאַר יעדען,
זאָגט מען, איז אַ גליק,
און פאַר יידען אַ גַן=עֵדן, —
עפּעס אַנ'אַנטיק.

דאָרטען וויסט מען פון קיין גלות,
גזירות, זוהנעניו,
פון קיין צרות, קיין ילָלות,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו.

דאָרטען, זאָגט מען, זענען יידען
קיין עין הרע רײַך.
יעדער לעבט זיך דאָרט צופריעדען. —
אלע זענען גלײַך.

דאָרטען עסט מען און דערוואַרבען
חלה זוהנעניו!

יאַיכליך װעל איך דיר דאָרט קאָפען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו=ליו.

נאָר דערווײַלע לאָמיר האָפען,
אוי, וואָס קאָן מען טהון?
כ'וואָלט שוין לאַנג צוג'איהם געטראָפען
ווייס איך ניט וואוהין...

גאָט וועט העלפען, וועט ער שיקען
בריוולך, זוהנעניו!
נאָר און גיבען אונז בעגליקען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

ער וועט שיקען צוואַנציג דאָלער
זײַן פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעהמען, לעבען זאָל ער,
אונז אַהינצו.

ער וועט אַלץ פון אונזערטוועגען
שאַפען, זוהנעניו.
און וועט פאָהרען אונז אַקעגען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

און וועט האָפען דיך צו'ם קושען,
שווײַגען אַזש פאַר פריוד;
איך וועל קוועלען טרעהרען גיסען,
ווײַנען שטילערהייד.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטעל
דאַרף מען, זוהנעניו,
שלאָפען; ס'איז אַ טײַער מיטעל. —
ליולינקע ליו-ליו.

(שלום עליכם).

99 חײַק׳ל קרעמער.

חײַק׳ל קרעמער רופֿט מען איהם אין גאַס. אין אֱמֶת׳ן אָבער האָט ער דעם נאָמען ניט פֿערדיענט, ווײַל אין קראָם זיצט אַ גאַנצע וואָך דאָס ווײַב חַנָה, און ער זיצט אין דערהײם, אַמאָל אין בֵּית מֶדְרָש און לערנט.

זונטאָג אָבער מוז ער פֿריהער ווי אַלע טאָג אָבדאַוונען, אָבזופֿען דעם שיעור חוק לְיִשְׂרָאֵל, אין דער גיך אַוועקלויפֿען אַהײם עפּעס איבערבײַסען און נאָכדעם אַוועקגעהן אין מאַרק העלפֿען חנה׳ן אין קראָם.

דאָס איז פֿאַר איהם אַנ׳אָבקומעניש, אַ נִסָּיוֹן, און ווען ניט דער זינדיגער גוף, וואָס מוז האָבען אַ שטיקעל ברויט און אַ בֶּגֶד, וואָלט ער דאַכט זיך, דאַמאָלס געבעטען זײַן גוטער חַנָה׳ן, וואָס ענטזאַגט איהם אין קײן זאַך ניט, זי זאָל גאָר זונטאָג פֿערמאַכען די קראָם...

ער ציטערט...

דער מאַרק רוישט ווי אַ וואַלד; די בויערען פֿון די נאָהענטערע דערפֿער קומען זיך צונויף מיט זײערע פֿערד און וועגען, די האַלאַבאַליעס אין דער הויך, און פֿיהלען זיך אויפֿ׳ן יידישען מאַרק ווי אין דערהײם... חײַק׳ל שטעהט בײַ׳ם קראָם און בעטראַכט די גרויסע מַחֲנֶה בויערען, הערט זיך צו צו׳םווילדען פֿערמישטען געטומעל און דאָס האַרץ ציטערט איהם: „וואָס זנאַטשעט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דאָס ביסעלע יידען קעגען אַזאַ עַם רַב!”...

און אַז די בויערן קוֹנִים בעלעגערען די קראָם, ווערט זײַן שרעק נאָך גרעסער. ער קאָן ניט פֿערשטעהן ווי אַזוי זײַן חַנָה, אַ שוואַכע יידינע מַגִּיהַ׳ט מיט יעדען בעזונדער, מיט קיראַזש און שטאָלץ, זידעלט נאָך אָב אַנ׳אַנדערן, ווען ער באָט אַ העלפֿט פֿון דעם, וואָס קאָסט זיך אַלײן.

— גַזְלָנ׳טע, האָב רַחֲמָנוּת! — ווילט זיך איהם אויסשרײַען — דו וועסט נאָך עפּיס „אָנמאַכען”...

וואָס אָנמאַכען, זאָגט ער קײנמאָל ניט צרוים — דאָס איז אַ שרעקליך וואָרט... דאָס וואָרט געדענקט ער שוין פֿון 20 יאָהר, און דאָס וואָרט עגבערט איהם יעדען זונטאָג אַ גאַנצען טאָג. און ווען דער טומעל אויפֿ׳ן מאַרק ווערט, צוליעב וועלכער עס איז אורזאַכע, עפּעס גרעסער, דאַכט זיך איהם, אַז אָט אָט שוין איז דאָס... און אַ בלײַכער, שטעהענדיג קוים אויף די ג. ב., שרײַט ער אויס צו חַנָה׳ן:

— חַנָה, חַנָה! זעה, וואָס איז דאָרטען?...

נאָר חנה איז פערטהון אין פּדיון. זי מעסט, זי וועגט, בייזערט זיך און שרייט, שמועסט איין און לויבט, און הערט אפילו ניט וואס איהר „למדן" רעדט. נאָר אז דער עולם בויערען ווערט זייער גרויס ארום קראָם, און זי אליין קען זיך ניט צורייסען, ווענדעט זי זיך צו חייקל'ען א הייזעריגע און א צוטומעלטע און זאָגט איהם:

— חייק'ל, גיעב אכטונג!...

און חנה'ס פערזאָג איז ביי חייקל'ען הייליג. ער הייבט אָן אומווארפען זיינע צוויי קורצזיכטיגע אויגען, קעהרט זיך אין אלע זייטען, וואו די בויערן שטעהען, און ווען איינער רוקט זיך צו צו איהם נאָהענט און בעט עפעס הויך אויפ'ן גראָבען לשון, רוקט זיך חייקל אביסעל אָב פאר שרעק און ענטפערט: — „זאריעם, טשויעשל, זאריעם!"...

און חייקל האָפט, אז נאָך אזא ווייכען ענטפער ווי „טשויעשל", וועט דער בויער, ווי שלעכט ער זאָל ניט זיין, איהם גאָרנישט טהון, און וועט קיין שלעכטס ניט מאכען... און חייקל בערוהיגט זיך אויף א ווייל...

פארנאכט ווערט חייקל נאָך מעהר איבערגעשראָקען. די בויערען האבען זייערע תבואות און בכלל סחורות פערקויפט די יידען, האבען זיך גוט אָנגע= טרונקען, און הויבען אָן זינגען זייערע ווילדע פרעהליכע „פיעסניעס", וואס חייקלס אויער, וועלכער איז געהאָדעוועט געוואָרען פון קינד=ווייז אָן אויף גמרא נגונים, קען זיי ניט פערטראָגען, און יעדער מאָן, דאכט זיך איהם, איז א גע= שריי: — „שלאָגט יידען, שלאָגט!"...

און חייקל טרייסעלט זיך פאר שרעק און רעדט שוואך ארויס מיט א תחנונים=קול:

— חנה, פאָלג מיר, פערשליס די קראָם!...

נאָר חנה הערט ניט, חנה איז פערטהון אין פדיון, זי לעבט מיט'ן זונטאָג א גאנצע וואָך, און חייקל שטעהט און ציטערט...

נאָר אָט ווערט שוין גוט פינסטער. די בויערען, צופאָהרען זיך שכור'ער= הייד, דאָס געטומל ווערט קלענער. קלענער, ביז ער פערשווינד אין גאנצען, די קראָמען הייבען זיך אָן איינער נאָך דער צווייטער צו פערמאכען; דער „סאָטסקי", א הויכער גוי מיט גרויסע וואָנצעס, געהט צו צו חנה'ן, זאָגט עפעס א פאָר ווערטער, וואס זענען פאר חייקלען שווער, ווי תרגום, און חנה רוקט איהם עפעס אריין אין האנד...

דאַ ווערט שוין חייק'ל אביסעל שטילער.

— דאנקען גאָט, דאנקען גאָט! — זינגט ער אונטער אין דער שטיל, גלעט דאָס בערדל און קוקט אויפ'ן הימעל...

חנה צעהלט איבער דעם פּדיון פאר'ן טאג, רעכענט זיך אויס פאר זיך צו געהן אהיים.

זי קליגגט שוין מיט די שליסלעך.

אין דער מינוט פיהלט זיך חייקעל שוין א זיכערער פון אלע זייטען. און ציהט אָב פריי דעם אָטהעם... (א. רייזען).

100 מיט וואָס איך בעשעפטיג זיך.

מיט וואָס איך בעשעפטיג זיך? — עט, א שאלה כ'לעבען! קלוג געפרעגט, פרעגט בעסער: מיט וואָס ניט?... ביי מיר אין קרעמעל קאָכט און זידט — א האנדעל א יריד!...

ביי מיר בעקומט איהר מעל און באָב, א לולב און א טשאָלנט-טאָפּ, א פאָהן אויף שמחת תורה, און אלץ די בעסטע סחורה!...

דער קאָפּ פערדרעהט... איך בלייב אָהן הענד... דער האנדעל געהט, דער האנדעל ברענט. — מיט פעך, מיט בלעך, מיט האָלץ, מיט גלאָז, מיט פויגעל-מילך, מיט יקנה"ז, מיט טשוועקעס, מיט קמעות, וואָס העלפען באלד צו וואָס איהר ווילט, סיי אָבגעבריהט און סיי פערקיהלט — איך שווער אייך ביי באָרד און פאות...

וואָס ווילט איהר נאָך? אויך האנדעל איך מיט בשמים, מיט חציצה-שיך, מחזורים און סידורים און גריינגערס אויף פורים, מיט זאלץ, מיט שמאלץ, מיט ווינד, מיט רויך, און מיט אתרוגים אויך, מיט וויין, מיט ליין, מיט וואקס, מיט פלאקס, מיט אלע מיני תבואות, מיט פרישע גרינס אויף שבועות.

ביי מיר בעקומט איהר: עסיג, טהיי, טליתים קטנים אלערליי, און זויערע אוגערקעס, און היי, און אויב איהר ווילט הבדלות לאנגע ווי דער גלות, בכלל — איך טאָפּ, און זויער און חאָפּ, און דרעש און מאָהל, און פּרוּב און קליינ, און שטאָרב דריי מאָל מיט קינד און ווייב אין קרענק און פּלאָג, אין נויט, אין קלאָג פאר הונגער יעדען טאָג!...

(ש. פרוג).

101 אַרום דער קרעטשמע.

די קרעטשמע איז בעלעגערט אין דרויסען מיט פוהרלעך און וועגעלעך אַלערליי. אַ טייל ליידיגע נאָר מיט אַביסעל שטרוי, אַ טייל פערנומענע מיט מיני זאַכען און חפצים, סיי נישט קיין פערקויפטע, סיי געקויפטע דאָרט אויפ'ן מאַרק. אויף איין פוהרעל ליגט אין אַ זאַק אַ חזיר, אַרויסגעשטעקט פון אַ לאָך זיין שען פיסקעל און לעכערט דעם קאָפּ, שרייענדיג משונה אויף אַ גריליצענדיג קול. הינטער אַ וואָגען, אָנגעלעגט מיט נייע לאַפּטיעס, מיט נייע ליימענע טעפּ, טעפּליך און מאַקערעטעס, שטעהט צוגעבונדען אַ רויט־געפלעקטע קוה מיט איין האָרען און רייסט זיך מיט אַלע כּוחות זיך צו בעפרייען, גיכער קומען צו איהרע אַלטע חברה'טע אין שטאַל. אַ פּאָר גרויע, ברייטבייניגע, פיינע אָקסען שטעהען געשפּאַנט אין דעם יאָך, מאַכען אַזוי ערנסט מיט דעם מויל און מעלה־גרה'ן געשמאַק, קיין מינוט חלילה נישט מפסיק צו זיין, גלייך ווי זיי ווענען פערטיפט אין אַ וויכטיגער זאַך און טהוען אויף מיט זייערע אָקסענע קעפּ עפּעס אַ גרויסען שכל. דעם אַרענדאַרס ציג שטעהט דערווייל אויפ'ן וואָגען, שטעקט אונטערווייליכם אַריין דעם קאָפּ אין אַ זעקעלע דאָרט, נעהמט באַלד איהם אַרויס מיט אַ פול מויל, פּירקעט דרעהענדיג דאָס וויידל, קייעט, מאַכט מיט די באַקען, טרעסעט דאָס בערד'ל גיך, געשווינד אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען. אַנ'אַלטער אויסגעדאַרטער דאָרפס־הונד, לעבט אויף דער עלטער פון קצבה, אָהן אַ שטעלע, מיט אַ הינקעדיג פיס'ל און אַ קאָלטון באַמבלענדיג זיך איהם אויפ'ן עק, שאַרט זיך צו נאָהענט צו'ם וואָגען, קוקט מיט דרך־ארץ, קומט דערנאָך צו נעהנטער אויף עטליכע טריט, שמעקט, זוכט מיט דער נאָז, דערטאַפּט עפּעס אַ טרוקען אָבגעלעקט ביינד'ל, לויפט מיט דער מציאה אָב אַביסעל ווייטער, שטרעקט זיך אויס אויף דער ערד און נעהמט זיך קנאַקען דען ביין, האַלטענדיג דערביי דעם קאָפּ אין דער זייט אויף די פאָדערשטע לאַפּעס. — דאָס פערד'ל דאָרט אין יענעם וואָגען, נמאס ווערענדיג איהם אַ לאַנגע צייט צושטעהן אויף איין אָרט, גאָרנישט צו טהון, נאָר דרעמלען, מאַכען מיט דער מאָרדע און שאָקלען די אויערען, איז זיך מיישב, אָבצושטעקען אַ וויזיט אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע אָקסלעך, וואָס טהוען זיך וואוילגעהן איבער אַ זעק'ל פּאָלאָווע, און זיין זייער אורח אויף וועטשערע... נאָר ביי'ם געהן פערהאַקט זיך די אַקס פון זיין וואָגען אין אַ רעד'ל פון אַנ'אַנדער פוהר'ל, שיעור אומצוואַרפען עס. יענץ פערד'ל דאָרט, אַרויסשפּרינגענדיג פון די האָליאָבלעס, טרעט אָן אַנ־

אַנדער פֿערד אויפ'ן פוס, עס טהוט אַ היִרזשע און שטעלט זיך דיבאָם. די ציג דערשרעקט זיך, טהוט גיכער אַ שפרונג און טרעט אָן דעם דאָרפס=הונד אויפ'ן וועיד'ל. ער שפּרינגט דערשראָקען אַוועק אויף דריי פיס, הויקענדיג אויף אַ קוויטש מיט אַ צעהנגאָרענדיגען שַלְשֶלֶת...

(ש. אַבראַמאָוויטש, מענדעלע מוכר ספרים).

102 די ברויט=געבערין.

אויף דער אַלטער שטאָדט, אין אַ טהיר פון אַ הויז, וואָס איז בעשלאָגען מיט אײַזערנע ברייטע פרענטען, אַז עס דאַכט זיך דיר, אַז עס פיהרט אין אַ פעסטונג אַריין, שטעהט פון „שטענדיג אָן״ אַ יידענע, מיט אַ קאָרב זעמעל אויף דער האַנד. קיינער ווייסט נישט, ווער די יידענע איז, וואו זי וואָהנט; מען ווייסט, אַזוי ווי עס ווערט מאָרגען פריה, אַז מען ווערט זיך אויפהאַפּען, שיינען די זון, אַזוי ווערט די יידענע, פאַר דעם זעלבען טהויער מיט די זעמעל שטעהן. אַזוי, דאַכט זיך שטעהט זי שוין, צייט דאָס טהויער שטעהט, און אַזוי לאַנג וועט זי שטעהן, ביז דאָס טהויער וועט שטעהן אין דער אַלטער הויף מיט די בלאָהע אָדערן אין האַלז. דאַכט זיך, אַז זי וואַרפט אַנ'אַלטקייט אויף דאָס טהויער...

די גאַס רוישט, איבערהויפט, די אַלטע שטאָדט, דאָס איז דאָס איינציג היימליך אָרט אין ווא., אַנ'אַלטס... אַ בעקאַנטס... אין מיטען מאַרק די פלומפ מיט די פיער לייבען, אַרום דער פלומפ די „שטעלען״, מען האַפּט די קונים, מענשען איילען, לויפען, זי – שטעהט אויף איהר אָרט, ווי איינגעוואַקסען אין טהויער, מיט איהר קאָרב. דאָ אין „רשות=הָרַבִּים״ האָט זי איהר „רשות=הַיָחִד״; – דאָ, דאַכט זיך, איז זי געבוירען געוואָרען, דאָ לעבט זי, דאָ וועט זי שטאַרבען...

די אַרבייטער ווייסען גאַנץ גוט, אַז אין דערפריה, אַז מען וועט צו דער אַרבייט געהן, וועט די יידינע שטעהן מיט די זעמעל; די קינדער, וואָס געהען אין חדר אַריין, שטעלען זיך די אָב, וואַרפען אַ צווייער און „נעהמען״ אַ זעמעל.

און עס דאַכט זיך, אַז נישט קיין יידינע שטעהט דאָ, נישט קיין לעבעדיגער מענש, וואָס האָט זיין ווילען, און וואָס ווען ער וויל, קען ער נישט שטעהן, נאָר עפּעס אַ מין גולם. – מען גיט אַ „צווייער״ און מען נעהמט אַ זעמעל.

יעדען טאג, ווען די חדר-יינגלעך געהן פון חדר, קומט אן צו'ם טהויער א נאקעט, בארפוס יינגעל, און בלייבט שוויינענדיג שטעהן.

— מאך „המוציא" — זאגט דאס טהויער.

— ברוך אתה...

— אמן — ענטפערט דאס טהויער, און גיט א זעמעל.

דאס איז דאס איינציגע זעמעל, וואס געהט יעדען טאג פון „טהויער ארויס אהן א „צווייער". אין א שענעם פריה-מארגען, די ארבייטער געהען אין פאבריק, בלייבען שטעהן פאר'ן „טהויער", איינער ווארפט א „צווייער", און וויל „געהמען" א זעמעל.

דאס „טהויער" גיט נישט.

דער ארבייטער קוקט זיך אום. עס פעהלט עפעס אין „טהויער — מען האט עפעס א וועקגענומען.

ער וואונדערט זיך — די פאבריק פייפט... האלא, ווייטער.

די יינגלעך געהען אין חדר, קומען אן פאר'ן „טהויער" „ווארפען א צווייער"...

— א זעמעל.

מען ענטפערט נישט.

דאס יינגעל קוקט זיך אום, עס פעהלט עפעס, אין טהויער — וואס ווייסט ער נישט. צי האט מען עפעס אין „טהויער" איינגעלעגט.

דער בעהעלפער שטופט: אין חדר אריין... און מען מוז געהן: צו קלערען איז נישטא קיין צייט.

און פון דענסטמאל אן שטעהט דאס טהויער ווי פריהער, נאר עס פעהלט דאך עפעס אין איהם. ווער איז געוועזען די אלטע? פון וואנען איז זי געקומען? וואוהין איז זי געגאנגען? וואס איז איהר לעבען געוועזען? צי איז איהר גוט געווען? צי איז איהר שלעכט געוועזען? קיינער ווייסט נישט...

(שלום אש).

103 דאס זריעה-קערענדל.

— מיט קיין ווארעם ליכטיג שטיבעלע
האט דער בויער מיר געמאכט:
אין א קאלט און פינסטער גריבעלע
ליג איך איינזאם טאג און נאכט;

אַך פינסטער איז מיר,
  ענג איז מיר דאָ!
קיין טהויער, קיין טהיר,
  קיין פענסטער ניטאָ,
איך ליג דאָ אין שטויב און אין שימעל:

איך לעב אָבער, ברידער,
  איך לעב! — ווייל איך וואַרט,
איך וויים דאָך, ניט עוויג
  וועט הערשען די נאַכט —
די וואָלקען בעדעקען דעם הימעל!

עס מוז זיין אַ סוף,
  עס וועט זיין אַ סוף
צו'ם פראָסט און צו'ם שטורם,
  צו'ם פינסטערען שלאָף!
דער פריהלינג דער פריהלינג וועט קומען

מיט ליכט און מיט וואַרעמקייט,
  פרייד און געזאַנג
און פרעהליך וועט שפראָסען
  מיין גאָלדענע זאַנג
פון צווישען דעם גראָז און די בלומען!...
(ש. פרוג).

104 אַ טרויעריגער געלעכטער.

בערקע דער ישיבה־בחור איז אַ גאַנצען ווינטער געגאַנגען אין צעריסענע שטיוועל. אַ גאַנצען ווינטער איז איהם געווען נאַס אין די פיס, און ער האָט ניט געקאָנט צוזאַמענקלויבען צוויי רובל אויף קויפען אַ פּאָר שטיוועל. זיין איינציגע האָפנונג, איהם זאָל ווערען טרוקען און וואַרעם אין די פיס, איז געווען — פורים.

— פורים וועל איך אַרומטראָגען שלח־מנות און וועל געוויס מאַכען אַ צעהן גילדען, נאָך אַ האַלב קערבעל וועט זיך שוין מוזען געפינען — האָט בערקע גע־טראַכט אַ גאַנצען ווינטער, און וואָס ער איז מיט אַ טאָג עלטער געוואָרען, האָט ער זיך אַלץ נעהנטער צום „פורים" געשפּירט און אַלץ גליקליכער געפיהלט.

— פורים! פורים! — פלעגט זיך איהם טאָג און נאַכט חלום'ן אין קלויז אונטערן אויבען. פיער גרויסע טעג מיט לאַנגע נעכט זענען ביי בערקען אוועק־געגאַנגען מיט דער זיסער האָפנונג, אַז עס וועט אַמאָל זיין פורים.

בערקע האָט דערלעבט פורים!

גאָט האָט איהם בעשערט אַ גוטע שטעלע צו טראָגען שלח־מנות. אין דרויסען איז קאַלט, נאַס און גליטשיג. בערקעס שטיוועל רינען נאָך שטאַרקער און בלאָזען פון אַלע זייטען, בערקע פיהלט זיך אָבער מונטער, עלט פורים'דיג, און פליהט איבער די גאַסען ווי אַ וויכער, ווי אַ פויגעל, מיט אַ גרויסער טאַץ און שאַלען אין די הענד, עס איז איהם וואַרעם אין אַלע אברים, אפילו אין די פיס... ער פיהלט זיך אַזוי גליקליך און גוט:

אַט קומט צו אין קעשענע נאָך אַ „פּיאַטאַק", נאָך אַ „זעקסער"... אַט נאָר

היינטיגען טאג, מעהר ניט ווי היינטיגען טאג... מארגען אין דער צייט וועט שוין ניט רינען און וועט שוין ניט בלאזען... אוי דאס בלאזען!...

פארנאכט, עס לייכט זיך שוין פון די פענסטער; יידען זיצען שוין ביי דער סעודה. אין דרויסען קראפעט א דראבנער רעגען, וואס קריכט גלייך אין די ביינער אריין. בערקע פליהט מיט דער טאץ אין האנד און פיהלט ניט דעם רעגען, די קעלט, ער שפירט נאר ווי די קעשענע ווערט אלץ שווערער און שווערער...

בערקע שרעקט זיך א טראכט צו טהון, טאמער איז אין קעשענע דא מעהר ווי צוויי קערבלעך... אויסער שטיוועל וועט נאך בלייבען אין קעשענע עטליכע גראשען... ער וויל גארניט טראכטען, ער האט מורא, ער זאל ניט חלילה משוגע ווערען פון גליק...

טראכטענדיג אזוי פון זיין פולער קעשענע, שלאגט ער זיך פלוצלונג אן אויף א גליטשיג שטיקעל ארט, גליטשט זיך אוים און פאלט...

א הארצשניידענדער קול דערהערט זיך אין גאס, דאס איז דער געוויין פון דעם געפאלענעם און צושעדיגטען בערקען מיט דער בעשיגער בעגלויטונג פון דער צובראכענער טאץ מיט די שאלען, מיט א קלינגעריי פון דאס צעפאלען ביסעל מינץ...

א רעדעל מענשען האט זיך צונויפגעקליבען ארום דעם געפאלענעם, אלע קוקען אויף דעם אויסגעצויגענעם בערקע, אויף די שלח־מנות, וואס ליעגט אין בלאטע, אלע האלטען זיך ביי די זייטען פון געלעכטער... בערקע וויינט, וויינט ביטערליך, און דער עולם הערט ניט אויף צו לאכען!...........

. . . .

דאס ביסעל מינץ, וואס בערקע האט צונויפגעקליבען פון בלאטע, האט ער נעבאך געמוזט בענוצען צו בעצאהלען פאר'ן שאדען!

ארעמער בערקע! ווי גרוים איז דיין גליק און אונגליק אין דעם טאג געוועזען!...

(מ. ספעקטאר).

105 האפנונג.

ניט שרעקליך איז די פינסטערניש —
ס'וועט אנהייבען צו טאגען,
די שטראהלען וועלען פון דער וועלט
די שווארצע נאכט פעריאגען.

עס וועלען אויפוואכען פון שלאף
גאר נייע לייט מיט נייע מוחות.
זיי וועלען ברענגען אויף דער וועלט
פיעל נייע, פרישע שטארקע כוחות.

פיעל העלע שטראהלען, גרויסע ליכט
וועט דאמאלס ווערען אנגעצונדען;
דער שלאפער וועט בעקומען קראפט,
און ליכטיג ווערען וועט דעם בלינדען!

(ש. פרוג).

פיערטע אבטיילונג.

בריעף.

(איינליי̈טונג.)

דער בריעף פערבייט דאס מונדליכע געשפרעך. דער אינהאלט פון א בריעף קאן דעריבער זיין אזוי פערשידען, פונקט ווי דער אינהאלט פון א געשפרעך.

צוזאמענזעצען א בריעף איז אייגענטליך פיעל לייכטער, אלס אויסדריקען די געדאנקען מונדליך, ווייל ביי'ם שרייבען האט מען געוועהנליך מעהר צייט צו בעטראכטען און צו בעארבייטען יעדען געדאנק, כדי ער זאל קלאר און דייטליך אויסגעדריקט ווערען. אין דער פראקטיק אבער זעהען מיר, דאס מונדליך דריקען אלע אויס זייערע געדאנקען אהן בעזונדערע שוועריגקייטען, וועהרענד אויסצודריקען די געדאנקען שריפטליך בעטראכטען דאס רוב מענשען פאר א שווערע ארבייט, פאר א גאנצע עבודה, צו וועלכער מען דארף פריהער אבזאגען א בעזונדער „הנני מוכן ומזומן"... די סבה דערפון איז דאס, וואס ניט אלע וויסען דעם סוד, אז מיטטיילען עטוואס דעם צווייטען שריפטליך מעג מען מיט א גאנץ געוועהנליכער שפראך, אהן מליצות און אהן אויבער־חכמות, פונקט ווי מען דריקט עס אויס מונדליך. מען דארף נאר געדענקען:

1) דאס דער בריעף פאדערט א ביסעל מעהר איבערלעגונג, אלס דער מונדליכער פארטראג, ווייל א געשפראכענעס ווארט פערפליהט שנעל און ווערט לייכט פערגעסען, וועהרענד א געשריבענעס בלייבט אויף עביג.

2) יעדער געדאנק מוז קלאר און דייטליך מיט פאסענדע ווערטער אויסגעדריקט ווערען, כדי עס זאלען נישט פארקומען קיין צווייזייטיגע בעדייטונגען, וועלכע קאנען פיהרען אמאל צו א טעות. מען דארף געדענקען, דאס ביי'ם רעדען מאכט פיעל מאל קלאר דעם געדאנק נישט אזוי די ווערטער, ווי די אינטאנאציע אדער די מימיקע, וועהרענד ביי'ם שרייבען קאנען קלאר מאכען דעם געדאנק בלויז די ריכטיגע אויסדריקע.

3) די געדאנקען מוזען זעהר קורץ אויסגעדריקט ווערען, נישט געפלוידערט און ניט איבערגעקייט עטליכע מאל איין זאך, כדי נישט צו בעלעסטיגען דעם עמפפאנגער מיט אוננעהטיגע ווערטער און פראזען, ביז עס וועט איהם נמאס ווערען צו לעזען. די הויפט־קונסט אין שרייבען בעשטעהט: „מיט ווייניג ווערטער פיעל און גוט זאגען"...

4) די שפּראַך פון בריעף מוז זיין נישט צו הויך מיט מליצות, אָבער אויך נישט צו אָרדינער, נישט צופיעל גאַסען=שפּראַך. נישט אַלע אויסדריקע, וועלכע מען קאָן זיך אַמאָל אַלס שפּאַס ערלויבען צו בענוצען זיך אין געשפּרעך, קאָנען בענוצט ווערען אין דער בריעפען=שפּראַך.

5) מען מוז מיט דאָס שרייבען זעהר פאָרזיכטיג זיין, ווייל דאָס געשריבענע בלייבט אויף עביג, און עס קאָן דיענען אַלס עדות, פון וועלכע מען קאָן זיך נישט אָבזאָגען.

6) דער בריעף מוז העפליך און אנשטענדיג געשריבען ווערען, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן דער בריעף דעם ריכטיגען איינדרוק מאַכען אויפ'ן עמפּפאַנגער. די העפליכקייט מוז אָבער זיין אין אַ געוויסע מאָס, זי זאָל נישט זיין עהנליך צו חנופה און קאָמפּלימענטען, וואָס מאַכט דעם העסליכסטען איינדרוק אויפ'ן אינטעליגענטען מענשען.

7) בריעף דאַרפען געשריבען ווערען מיט אַ גוטע פעדער און שוואַרצע טינט (ניט קיין רויטע, בלויע און אנדערע) אויף אַ ווייס פּאַפּיער מיט איינפאַכע ניט קיין פערדרייטע אָדער פערצוקטע בוכשטאַבען. די בוכשטאַבען אין איין וואָרט דאַרפען זיין זעהר נאָהנט איינע צו די אנדערע, אָבער יעדעס וואָרט מוז זיין אָבגערוקט, בכדי עס זאָל זיין לייכט צו'ם לעזען.

8) אין אָנפאַנג בריעף, גאָר אויף דער אויבערשטער שורה רעכטס, מוז זיין געשריבען דער נאָמען פון דער שטאָדט, דער דאַטום, מאָנאַט און יאָהר, אין וועלכע דער בריעף איז געשריבען. מיט אַ פּאָר שורות נידריגער, אַביסעל לינקס, קומט דער טיטול, נאָך וועלכען עס ווערט ווידער דורכגעלאָזען אַ שורה און מען פאַנגט אָן דעם בריעף, וועלכער ווערט געשריבען נישט פון סאַמע ברעג פּאַפּיער, נאָר אַם וועניגסטען אויף אַ צוויי פינגער דורכגעלאָזען אַ בלויז ביי דער רעכטער זייט. צו דער לינקער זייט אָבער ווערט געשריבען ביז'ן סוף שורה. ביי'ם ענדע בריעף קומט אויף אַ בעזונדער שורה לינקס די אונטערשריפט, וועלכע דאַרף אויך אונבעדינגט זיין גאַנץ לעזבאַר און נישט פערצוקט, ווי דאָס רוב יידישע יונגע=לייט זענען זיך נוהג קונציג צו פערדרייען די אונטערשריפט, אַזוי אַז דער מלאך גבריאל אַליין זאָל זי שוין נישט איבערלעזען, און פיעל מאָל קומט פאָר, אַז מען ווייס ניט ווער עס האָט דעם בריעף געשריבען.

9) דעם הויפּטגעדאַנקען, וועלכען מען וויל יענעם מעלדען, אָדער בעטען דאַרף מען זיך שטאַרען שטענדיג אויסדריקען אין בריעף ווי מעגליך פריהער, נישט איבערלאָזען עס צו'ם סאַמע סוף, כדי דער עמפּפאַנגער זאָל באַלד וויסען

ווענען וואס עס אונטערהאנדעלט זיך דא, וואס מען פערלאנגט פון איהם און צו וואס דיעזער בריעף פיהרט.

מען דארף אבער ניט אנהויבען א בריעף מיט פארווירפע, מוסר אדער לֵצָנות; ווען עס קומט אמאל פיר צו ענטזאגען יענעם שריפטליך אין זיין ביטע. מוז פריהער קומען ערקלערט די פערטהיידיגונג, פארוואס די ביטע קאן נישט אויסגעפילט ווערען און נאכדעם ערשט די ענטזאגונג, וועלכע דארף שטענדיג אויסגעדריקט ווערען אין זעהר אנ'אנשטענדיגער פארם.

10) אין אלגעמיינעם דארף דער בריעף זעהר קורץ זיין. העכסטענס קאן ער האלטען א זייטע אדער צוויי פון א געוועהנליכען פאסט-בויגען גרעסערער פארמאט. לאנגע בריעף מאכען א שלעכטען איינדרוק אויפ'ן לעזער און האבען ניט די ריכטיגע ווירקונג.

א תשובה אויף א בריעף דארף מען זיך ווי וויים מעגליך בעמיהען צו געבען דעם זעלבען טאג, ווי מען עמפפאנגט דעם בריעף; דאן פערשפארט מען זוכען א פערענטפערונג, פארוואס מען האט פערשפעטיגט מיט דער תשובה, און דער בריעף וועט ניט ווערען דאדורך לענגער.

מיר ברענגען דא ביישפיעלען פון פערשיעדענע בריעף:

1) פאמיליען-בריעף.
2) פריינדליכע-בריעף.
3) ליעבע-בריעף.
4) חתן-כלה-בריעף.
5) איינלאדונגס-בריעף.
6) גראטולאציאנס-בריעף.
7) ביטע-בריעף.
8) דאנק-בריעף.
9) רעקאמענדאציאנס-בריעף.
10) געשעפטס-בריעף.

די בריעף קאנען דיענען בלויז אלס מוסטער פאר דער בריעף-פארם. איבערקאפירען זיי און בענוצען זיך מיט זיי ווארט אין ווארט ביי א געלעגענהייט, ווען מען דארף שרייבען א בריעף, איז ניט פראקטיש. מיר האפען, אז די שילער וועלען געדענקען, אז שרייבען דארף מען יעדעס מאל נאר דאס, וואס דאס הארץ פיהלט און דער קאפ דענקט. איבעריגנס רעכענען מיר, אז אונזערע שילער וועלען ניט נויטיג האבען צו קאפירען די בריעף אין דער פראקטיק, ווייל נאכדעם ווי זיי וועלען זיך איינאיבען אין די פארגעלעגטע בריעף, ארויסשרייבענדיג זיי א פאר מאל פון בוך, וועלען זיי גאנץ לייכט קאנען זעלבסטשטענדיג צוזאמענזעצען זייערע געדאנקען אין דער פארם פון א בריעף.

פאמיליען=בריעף.

1.

ווארשע, דעם 20 יאנואר 1908.

ליעבע חנה!

מיט פערגעניגען נעהם איך איצט די פעדער צו שרייבען צו דיר, טייערע שוועסטער, א פאר ווערטער אייגענהענדיג. איך האב דיר שוין געמעלדען באלד נאך סוכות דורך גיטלען, אז איך האב אנגעהויבען בעזוכען אנ׳אווענד=שולע. אין דער לויף פון די דריי מאנאטען האב איך זיך אויסגעלערענט לעזען און שרייבען יודיש, רוסיש, פאלניש און אביסעל רעכנען. אין דער שולע לערען איך יעדען אווענד צוויי שטונדען, פון 8 ביז 10 אוהר. איך קאן דיר גארניכט פארשטעלען, ווי גוט איך פיהל זיך אלע טאג נאך דער ארבייט אין דער שולע. דאס זענען די בעסטע שטונדען פון מיין לעבען. אויסער דער גוטער און זעהר אנגענעהמער געזעלשאפט, וואס איך האב אין שולע, האב איך אזוי פיעל נוצען געהאט פאר דער קורצער צייט, דאס איך קאן שוין אליין אנ=שרייבען א בריעף, און דארף מעהר ניכט אנקומען צו אנדערע, זיי זאלען מיר בריעף שרייבען!

וואס מאכסטו, חנה? וואס מאכען די עלטערען? זאלען געזונד זיין? זענט איהר אלע געזונד? וואס מאכט אונזער ברודערל יצחק מאיר? לערענט ער זיך גוט? ווי ביזטו צופריעדען מיט דיין שטעלע? ווארום שרייבסטו אזוי זעלטען? דו קאנסט דאך שרייבען פון לאנג!

איך בין גאט צו דאנקען פאלקאם געזונד און בין זעהר צופריעדען מיט מיין שטעלע. מיינע הערשאפט זענען זעהר ערענטליכע און וואהלהאבענדע מענשען, זיי בע=האנדלען מיך זעהר גוט און זענען אויך צופריעדען פון מיין ארבייט.

שרייב אלע וואך פון אלץ, וואס עס הערט זיך אין דער היים, מיט דעם ווערסט פיעל פערגעניגען פערשאפען

דיין דיך שטארק ליבענדע שוועסטער
שרה.

2.

לובלין, דעם 22 יאנואר 1908.

טייערע און ליעבע שרה!

דיין בריעף האט מיר פיעל פרייד און פערגעניגען פערשאפט. איך האב זיך געפרייט צו לעזען וועגען דיין געזונדהייט און האב זיך געפרייט צו זעהן דיין אייגענע האנדשריפט. איך מוז דיר זאגען, טייערע שוועסטער, דאס ווען איך האב דיין בריעף געלעזען, איז מיר פארגעקומען, דאס איך רעד מיט דיר מינדליך.

וואונדערבאַרע פֿאָרטשריטע האָסטו געמאַכט אין לערנען פֿאַר אַזאַ קורצע צײַט. איך ווינש דיר אויך אויף ווײַטער צו מאַכען ניט קיין קלענערע פֿאָרטשריט.

איך האָב דיר 2 וואָכען ניט געשריבען, ווײַל איך בין געווען זעהר בעשעפֿטיגט די לעצטע צײַט מיט דער פֿאָרבערײַטונג צו דער חתונה פֿון אונזער קוזינע דבורה. פֿאָרגעסטערען איז געווען די חתונה, געוויס האָסטו דעם אײַנלאַדונגס-בילעט צו דער צײַט ערהאַלטען. איך האָב אויף דער חתונה זעהר גוט פֿערבראַכט. דבורה מיט'ן מאַן האָבען מיך געבעטען, איך זאָל דיר איבערגעבען אַ פֿרײַנדליכען גערוס.

מיר פֿינדען זיך אַלע גאָט צו דאַנקען געזונד. די עלטערען און יצחק מאיר גריסען דיר פֿון טיעפֿסטען האַרצען און פֿרייען זיך זעהר מיט דײַן בריעף. יצחק מאיר לערענט זעהר פֿלײַסיג, די לעהרער פֿון תלמוד תורה זענען זעהר מיט אוהם צופֿריעדען.

זײַ געזונד און שרײַב אַלע וואָך, מיט וואָס דו ועסט פֿערגעניגען פֿערשאַפֿען די עלטערען און מיר

דײַן גליקווינשענדע שוועסטער

חנה.

3.

ווארשע, דעם 18 מערץ 1908.

טײַערע עלטערן!

איך האָב אײַך נאָך געוואָלט שרײַבען איבערנעכטען, גלײַך ווי איך בין אָנגעקומען אַהער, אָבער אַזוי ווי אונזער קרוב שמואל לייב האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל אין ניכען געפֿינען אַרבײַט, האָב איך שוין געוואַרט ביז הײַנט, כּדי איך זאָל אײַך קענען שרײַבען גוטע נײַעס. און הײַנט קאָן איך אײַך שוין טאַקי מיטטיילען, אַז איך האָב שוין בעקומען אַרבײַט. דערווײַל נעהם איך 5 רובעל אַ וואָך, אָבער דער מײַסטער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל אַרבײַטען פֿלײַסיג און מײַן אַרבײַט וועט אוהם געפֿעלען ווערען, וועט ער מיר אין ניכען העכערען מײַן לויהן. זעלבסטפֿערשטענדליך וועל איך מיך סטאַרען צו פֿערדיענען וואָס מעהר. איך פֿערהאָף, אַז אין ניכען וועל איך קאָנען אָנהויבען אײַך צוצושיקען ביסלעכווײַז געלד.

איך האָב זיך דאָ געזעהן מיט מאיר'ן, חנה דער וועשערינס זוהן. ער איז שוין אין ווארשע אַ צײַט און איז שוין דאָ גוט בעקאַנט מיט אַלץ. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געהן מיט מיר אין די פֿרײַע שטונדען פֿון דער אַרבײַט און מיך בעקענען מיט דער גרויסער שטאָדט, און וועלכער איך פֿיהל מיך איצט זעהר פֿרעמד און עלענד. נעכטען בין איך מיט אוהם געווען אין אַ אָווענד-שולע, וואו מען לערענט אַזעלכע אַרבײַטער ווי איך פֿערשיעדענע וויסענשאַפֿט.

מעהר האָב איך ניט פֿאַרלויפֿיג קיין נײַעס. גריסט דעם ברודער ברוך'ן און

דאָס שוועסטערל דבורקה. ענטפערט מיר גלייך, וואָס הערט זיך ביי אייך און וואָס איהר מאַכט. בלייבט געזונד און גליקליך, ווי עס ווינשט אייך אייער זוהן.

משה.

4.

זאמבראָוו, דעם 21 מערץ 1908.

ליעבער, טייערער זוהן!

דיין בריעף האָט אונז דערפרעהט. מיר האָבען שוין ניט געוואוסט וואָס איבער־צוקלערען די גאַנצע דריי טעג, פאַרוואָס פון דיר איז נאָך נישטאָ קיין ידיעה.

עס פרעהט אונז זעהר וואָס דו ביזט בשלום געקומען אין וואַרשע און דו האָסט באַלד בעקומען אַרבייט. מיר האָפען, אַז אין וואַרשע וועסטו גיכער קומען צו אַ תּכלית און וועסט ווערען מיט דער צייט זעלבסטשטענדיג און נישט דאַרפען זיין שטענדיג אַ קנעכט ביי יענעם.

מיר דאַנקען דיר זעהר פאַר דיין גוט האַרץ, פאַר דיין גוטען ווילען אונז צו אונטערשטיצען. הלואי זאָל גאָט געבען דו זאָלסט ווערען אַן עושר, וועלען מיר געוויס ניט האָבען צו זאָרגען אויף דער עלטער. פאָרלויפיג אָבער, ווען דו פערדיענסט נאָר 5 רובל אַ וואָך, ביזטו נאָך נישט אים־שטאַנד אונז צו שטיצען. אַזאַ יונגערמאַן ווי דו דאַרף אַליין זיין אַ בעל־הוצאָה אין וואַרשע אויף וואָהנונג, עסען און קליידען זיך פינף רובל אַ וואָך. דו זאָלסט שפּאָרען פון זיך, פערלאַנגען מיר חלילה ניט. אַ יונגער מענש דאַרף שאַנעווען זיין געזונד און נישט זשאַלעווען פאַר זיך אַלץ וואָס איז נויטיג. פאַר אונז זאָרג ניט, מיין טייערער, כל זמן גאָט וועט מיר שענקען כח צו אַרבייטען, וועט אונז ניט פעהלען חלילה קיין שטיקעל ברויט אויף דער עלטער.

חנה דער וועשערין האָב איך אָבגעגעבען אַ געריס פון איהר מאיר'ן, האָט זי זיך זעהר געפרעהט.

דו טהוסט זעהר גוט, מיין קינד, וואָס דו פערברענגסט מיט מאיר'ן, ווייל ער איזווירקליך זעהר אַן אַנשטענדיגער יונגערמאַן. אין אַזאַ גרויסע שטאָדט ווי וואַרשע, וואו עס זענען דאָ פערשיעדענע מענשען, אי גוטע, אי שלעכטע, דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט בעקאַנטשאַפט. מיר האָפען, דאָס דו וועסט זיך קיינמאָל ניט אויפקאָמפּאַנירען מיט אַזעלכע חברים, וועלכע זאָלען דיך חלילה אַראָבפיהרען פון גלייכען וועג.

זיי געזונד און שטאַרק, שרייב אונז אַלע וואָך.

מיט אונגעדולד ערוואַרטען מיר צו הערען פון דיר גוטע בשורות.

דיינע עלטערן.

נ. ב. די מאַמע, דבורה און שרה גריסען דיר פון טיעפסטען האַרצען.

5.

ווילנא, דעם 15 מאי 1908.

מיין טייערע פרוי סאָניע!

איך פיהל מיט וואס פאר אַן'אונגעדולד די ערוואַרטעסט מיין בריעף. דעריבער איל איך מיר צו שרייבען דיר וועגען מיין קימען בשלום אין ווילנא. באלד אין דערפריה בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו הערן עפּשטיין און געשעפט, וועלכער האט מיך זעהר שען אויפגענומען און האט מיר פאָרגעלעגט א שטעלע אַלס פערקויפער ביי איהם אין מאנופאַקטור=געשעפט. מיין לאָהן איז נאָך פאָרלויפיג אונבעשטימט, וויל דער פרינציפּאל וויל ערקונדיגען און איבערצייגען זיך אין מיינע פעהיגקייטען. מיר ביידע ווייסען דאָך, ווי גוט און ערנסט איך האָב געאַרבייט ביי אונז אין גראָדנע, און ווי געאַכטעט איך בין געוועזען ביי'ם פרינציפּאל, דעריבער קאָנען מיר האָפען, דאָס אויך דאָ וועט דער פרינציפּאל מיט מיר צופריעדען זיין און וועט מיך בעלוינען נאָך מיין ווערט.

דער הערר עפּשטיין שיינט אַן'אָרענטליכער מענש צו זיין און זיין געשעפט איז גוט אַוועקגעשטעלט.

איך וויל האָפען, דאָס גאַר אין גיכען זאָל איך דיך אַרויסרופען מיט אונזער הנה'לען אין ווילנאָ, און מיר וועלען ווידער צוזאַמען זיין, וואָס איז מיין העכסטער און בעסטער וואונש.

קיש הנה'לען און זאָג איהר, אַז דער טאַטע בענקט נאָך איהר און וויל איהר זעהן. שרייב מיר באַלד וועגען אייער געזונד און ווי איהר פערברענגט די צייט.

זיי מונטער און פרעהליך, שפּאַציר אַלע טאָג א פּאָר שעה מיט הנה'לען. און גיכען וועלען מיר זיך ווידער זעהן.

זייט געזונד און שטאַרק!

פון מיר, אייער חנן.

מיין אַדרעס איז פאָלגענדער:

Н. Шперлингу для Х.

ВИЛЬНО,

Нѣмецкая ул. д. 16.

6.

גראָדנע, 18 מאי, 1908.

טייערער חנן!

דיין בריעף האָב איך ערוואַרטעט מיט אונגעדולד, ווי מען ערוואַרטעט משיח'ן. איך קען דיר גאָרניט פאָרשטעלען ווי גרויס איז מיין בענקשאַפט צו דיר, צייט דו ביזט אַבגעפאָהרען. גאַנצע טעג האַלט איך נאָר אין איין טראַכטען וועגען דיר, וואו איך קער זיך און ווענדע זיך פיהל איך אַלײן, אַז דו פעהלסט מיר. מיט דיין בריעף אָבער האָסט

מיך ממש מְחַיֶה געוועזן. דיין בריעף האָב איך שוין געוויס צעהן מאָל געלעזען, און יעדעס מאָל, ווערענד איך לעז, קומט מיר פֿאָר, דאָס איך זעה דיך און רעד מיט דיר מינדליך. חנה׳לע קושט דעם בריעף און פֿרעגט: וואָס שרייבט דער טאַטע? ווען וועט ער קומען? זי איז גאָט צו דאַנקען פֿאָלקאָם געזונד עסט צו דער צייט און שפּאַציערט אַלע טאָג.

גרויס איז מיין שמחה דורך דער האָפֿנונג, וואָס דו האָסט מיר געגעבען, אַז אין גיכען וועלען מיר קענען ווידער זיין צוזאַמען און פֿיהרען אַ רוהיגעס לעבען. פֿאָרלויפֿיג בעאונרוהיגט מיך אָבער דאָס, וואָס דו ביזט אין אַ פֿרעמדע שטאָדט גאַנץ אַליין, גאָר עלענד, קאַרג ניט אַמהענינסטען אויף אַ גוטע וואָהנונג צווישען אַנ׳אָרענטליכע און אַ אַנשטענדיגע פֿאַמיליע, וואו דו זאָלסט זיך אויך קענען בעקעסטיגען. איך ראַט דיר דורכאויס נישט צובעקעסטיגען זיך אין אַ רעסטאָראַן, זאָל בעסער קאָסטען טייערער אַבי צו בעקומען גוטעס און פֿרישעס עסען. איבערהויפּט זאָלסטו נישט זשאַלעווען קיין זאַך פֿאַר דיין געזונד! זיי ניט אויסגערעכענט מיט דער הוֹצָאָה, עס, טרינק, און שלאָף צו דער צייט און האָרעווע נישט איבער די כחות. טרינק אַלע טאָג מילך און דערפֿריה און פֿאַרנאַכט, מאַך זיך אַ צייט צו׳ם שפּאַצירען, ווען דו ביזט פֿריי.

שרייב מיר צוויי מאָל אַ וואָך, איך וועל דיר פּינקטליך אויף יעדער בריעף ענטפֿערן. לעב וואָהל, זיי געזונד!

ווי דיר ווינשט דיין ליעבענדע און גליקווינשענדע פֿרוי

באָניע.

7.

ווילנא, 10 יולי 1908.

טייערסטע סאָניע!

וואָס איז די אורזאַכע, וואָס איך האָב פֿון דיר גאַנצע אַכט טאָג קיין בריעף נישט ערהאַלטען? ווייסטו דען ניט, אַז דיין לאַנגער שטילשווייגען בעאונרוהיגט מיך? איך ווייס ניט וואָס איבערצוטראַכטען.

שרייב מיר גלייך פֿון דיין געזונד און פֿון אונזער ליעבער חנה׳לען. וואָס מאַכט איהר? ווי פֿערברענגט איהר די צייט?

מאָרגען שיק איך דיר אַרויס דורך פּאָסט 50 רובל. שרייב באַלד אַ קבלה אויף דעם געלד.

דיין תשובה ערוואַרטעט מיט אונגעדולד דיין

עביג=ליעבענדער מאַן

חנן.

8.

גראָדנאָ, דעם 12-טען יולי, 1908.

טייערער חנן!

דיין ברועף פון 10-טען ד. מ. האָב איך נאָר וואָס ערהאַלטען, און איך אייל מיך באַלד צו בערוהיגען דיר מיט מיין ברועף, כאָטש איך האָב ערשט גאָר קיין צייט ניט צו שרייבען, ווייל איך דאַרף חנה'לען געבען עסען. נאָר איך וויל ניט פערשפעטיגען די פּאָסט, דעריבער וועל איך איצט זעהר קורץ שרייבען.

אומזיסט האָסטו זיך אַזוי בעאונרוהיגט, טייערער חנן, מיר פיהלען זיך גאָט צו דאַנקען פאָלקאָם געזונד, אַלעס איז אין דער בעסטער אָרדנונג, איך האָב דיר אויך פאָריגע וואָך געשריבען און איך פערשטעה ניט, פאַרוואָס דו האָסט מיין ברועף ניט ערהאַלטען. געוויס איז דער ברועף פערלאָרען געגאַנגען אויף דער פּאָסט.

בערוהיג זיך, פערבלייב געזונד און שרייב פינקטליך.

דיין סאָניע.

9.

ניו-יאָרק, 20-טען מאַי, 1908.

טייערע און ליעבע העלענאַ!

ענדליך בין איך געקומען צו מיין געווינשטען ציעל און איך שיק דיר אַרויס אַ שיפסקאַרטע פאַר דיר און פאַר אונזערע קינדערלעך זאָלען געזונד זיין. אָט וועלען מיר ווידער זיין צוזאַמען און טאַקי דאָ אין אַמעריקע, אין דער פרייער לאַנד, דאָרט וואו מיר יידען פיהלען זיך אויך מענשען גלייך. ווער ווייס, אפשר וועט נאָך אונזער דוד'ל אַמאָל זיין אַ מיניסטער אין אַמעריקע, און אונזער דבורה'לע אַ באַראָנעסע?...

איך שיק דיר גלייכצייטיג אויך אַן'אָנווייזונג אויף 200 רובל, און באַלד ווי דו וועסט ערהאַלטען די שיפסקאַרטען מיט'ן געלד, זאָלסטו זיך מאַכען רייזעפערטיג און אַרויספאָהרען אין אַ גליקליכע שעה.

די מעבעל פערקויף, בכלל דאַרפסטו ניט שלעפען מיט זיך קיין איבעריגע זאַכען, ניו-יאָרק איז ניט סובאַלק, דאָ קריעגט מען ברוך השם אַלין, וואָס טען פער/אַגנט, מען דאַרף נאָר האָבען דעם דאָלאַר אין קעשענע.

שיפסקאַרטען שיק איך דיר פון דער צווייטער קלאַס, בכדי איהר זאָל זיין בעקוועם צו פאָהרען און איהר זאָלט ניט געברויכען די ליעבהאַרציגע בעדער אין דייטשלאַנד. שרייב באַלד אַ תשובה. פאַר'ן זעצען זיך אין האַמבורג אויפ'ן שיף טעלעגראַפיר מיר, איך וועל דיר ערוואַרטען אין קעסעלגאַרדען.

מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דיין קומען מיט גליק צוזאַמען מיט די קינדערלעך זאָלען געזונד זיין דיין מאַן

חיים גאָלדשטיין.

II פֿריינדליכע־בריעף.

10.

ביאַליסטאָק, 5 אווגוסט 1908.

טייערער פֿריינד!

מיט פֿרייד און מיט דאַנק שיק איך אייך איצט אָב די 100 רובל, וועלכע איהר האָט מיר געבאָרגט, ווען איך בין געווען אין אַ נויט.

גאָט האָט מיר ווירקליך דורך אייך געהאָלפֿען. מיט די געבאָרגטע 100 רובל האָב איך פֿערברייטערט מיין ווערקשטעל, איך האָב צוגענומען צוויי געזעלען, געקויפֿט אַביסעל מאַטעריאַל, און די געשעפֿטען האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען צו פֿערבעסערן. איצט האָב איך גאָט צו דאַנקען פּרנסה און האָב שוין אויך ביסלעכווייז אויסגעצאָהלט מיינע חובות. איך קאָן דערויבער האָפֿען, אַז אין גיכען וועל איך קאָנען רוהיג לעבען מיט מיין פֿאַמיליע.

איך געפֿין פֿאַר איבעריג אויסצודריקען מיין דאַנק פֿאַר אייער חסד, וואָס איהר האָט מיט מיר געטהון מיט'ן באָרגען דאָס געלד. איך גלויב, אַז אייער צופֿרידענהייט פֿון דעם, וואָס אייך האָט געלונגען אַנ'אונטערדריקטע יודישע פֿאַמיליע צו אונטערשטיצען, וועט פֿאַר אייך אַלס בעסטער דאַנק־אויסדרוק דיענען!

זייט געזונד און שטאַרק, לעבט אין פֿערגעניגען, זאָל אייך גאָט העלפֿען פֿאַר אייער גוט האַרץ צו טהון אָפֿטער מענשען טובות, און זאָל מיר גאָט צושיקען אַ געלעגענהייט אייך אַמאָל אָבדיענען ניט הס ושלום אין אַ נויט, נאָר אין אַ גוטען אופֿן, איה"ש ביי אייערע קינדער אויף די חתונות.

אייער עבינגשעצענדער, דאַנקבאַרער און גליקווינשענדער פֿריינד

ברוך עדעלשטיין.

11.

לאָדז, 5 אַפּריל, 1908.

טייערסטע רבקה!

אַלס איך בין אין אַדעם געוועזען, ביזטו מיין בעסטע פֿריינדין געוועזען, פֿאַר דיר פֿלעג איך אויסדערצעהלען אַלץ, וואָס אויפֿ'ן האַרצען, און יעצט אַז איך בין אין לאָדז, ביזטו אויך די איינציגע, פֿאַר וועלכע איך מוז אויסשרייבען אַלץ, וואָס ביי מיר קומט פֿאָר.

אין דיעזען בריעף וויל איך דיר מיט אַ וויכטיגע נייעס: מיר קומט מזל טוב, איך בין אַ כלה געוואָרען. מיט מיין חתן האָב איך זיך בעקענט אויף אַ חתונה, איך בין איהם געפֿעלען געוואָרען, ער מיר אויך. שוין צוויי מאָנאַט, אַז מיר בעגעגענען זיך פֿאַסט יעדען טאָג ביי דער יונגער פּאָר־פֿאָלק, אונזערע הערצער זענען געוואָרען פֿון טאָג צו טאָג נעהנטער... און מיט דריי טעג צוריק האָט ער מיין האַנד געבעטען, וועלכע איך האָב איהם צוזאָגען מיט מיין האַרץ גאָר אָהן צווייפֿעל באַלד געגעבען...

טײַערע רבקה! מיר פֿערדריסט, וואָס דו ביזט ניטאָ דאָ און לאָדז און דו קאָנסט ניט זעהן מײַן דוד'ן! ער איז שױן, קלוג געבילדעט, אָרענטליך און זעהר אַנשטענדיג, דערצו האָט ער זעהר אַ שענעם פּאָסטען און אַ פֿאַבריק אַלס בוכהאַלטער און קאָרעס-פּאָנדענט.

איך האָף, אַז איך װעל מיט איהם לעבען זעהר אַ גליקליכעס און אַ צופֿריעדע-נעם לעבען. און צוויי חדשים אַרום וועט בײַ אונז זײַן חתונה, אויף וועלכער איך וועל דיר צו דער צײַט אַנ'אײַנלאַדונגס-בילעט שיקען. געווּס וואָלט איך זיך גליקליך שעצען, ווען דו וואָלסט געקאָנט קומען צו מיר אויף דער חתונה, איך צווייפֿעל זיך אָבער זעהר, צי דו וועסט האָבען די מעגליכקײַט.

וואָס מאַכסטו, רבקה, וואָס הערט זיך בײַ דיר? האָסטו עפּעס גוטע נײַעס, טאָ שרײַב וואָס גיכער, מיט דעם וועסטו ערפֿרעהען דײַן דיך שטאַרקליעבענדע פֿרײַנדין

פֿראַניאַ.

גערים פֿרײַנדליך און מײַן נאָמען דײַן ליעבע מוטער און אַלע אונזערע גוטע פֿרײַנד און בעקאַנטע.

12.

אָדעסאַ, 10 אַפּריל, 1908.

ליעבסטע פֿראַניאַ!

איך גראַטולירע דיר פֿון טיעפֿסטען הערצען און ווינש דיר עוויג גליקליך צו זײַן מיט דעם, וואָס דו האָסט מיט דײַן האַנד בעגליקט. לאָדז איז פֿאַרט אַ גליקליכע שטאָדט! דו ביזט דאָרט און גאַנצען אַ האַלב יאָהר, און האָסט שוין אַזאַ גליקליכע פּאַרטיי געשלאָסען.

איך האָב גלײַך אַלעמען אָנגעזאָגט די פֿרעהליכע נײַעס, און אַלע ווינשען דיר גליק, ווי דו ביזט ווירקליך ווערט.

איך האָב מיר קיינמאָל ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז איך זאָל נישט זײַן בײַ דיר אויף דײַן האָכצײַט. מען קאָן אָבער גאָרנישט אויסרעכענען! אָט ביזטו נאָר און לאָדז, אַזוי ווײַט פֿון אונז, און איך קאָן גאָרנישט דענקען וועגען פֿאָהרען אַזאַ שטרעקע. דו ווייסט, ווי איך בין צוגעבונדען צו מײַן אַרבײַט. דערפֿאַר אָבער קאָן איך דיר פֿערשפּרעכען, דאָס דער טאָג פֿון דײַן חתונה וועט בײַ מיר אַ יום טוב זײַן. ניט אומזיסט ביזטו מיר אַזוי טײַער, אַ האַרץ פֿיהלט אַ האַרץ!

גערים דײַן דוד'ן און מײַן נאָמען און גיב איהם איבער מײַן גראַטולאַציאָן!

בײַ מיר איז אַלץ פֿאָרלױפֿיג „פּאַסטאַראָמו", מען אַרבײַט, מען עסט, מען שלאָפֿט, מען שפּאַצירט אַביסעל פֿאַרנאַכט, קײן בעזאָנדערע נײַעס ניטאָ עס מיש-לעת עתה.

זײַ געזונד, און לעב גליקליך, ווי דיר ווינשט אומער דײַנע דיך שעצענדע

רבקה.

!!! ליעבע=בריעף.

13.

פלאָצק, דעם 25-טען מאַי 1908.

פֿיעל געעהרטע און הויכגעשעצטע פֿרײַלין מרים ראָזענשטײַן!

חאָטש איך בין נאָך מיט אײַך ניט זעהר נאָהנט בעפֿרײַנדעט, דאָך נעהם איך מיר דעם מוט צו שרײַבען צו אײַך אַ בריעף, מיט דער האָפֿנונג, אַז איהר וועט מיך געדולדיג אויסהערען, און ווער ווייס, פֿיליײַכט וועל איך אויך זוכה זײַן צו בעקומען פֿון אײַך אַן ענטפֿער, וועלכען איך טאָר ניט פֿאָרלויפֿיג וואַגען צו ערוואַרטען.

און קודם כל שיק איך אײַך מײַן בעסטען הערצליכסטען דאַנק דערפֿאַר, וואָס אויף מײַנע גריסען, וואָס איך האָב אײַך געשיקט אין מײַנע בריעף צו מײַן מוהמע וועלכע וואָהנט אין אײַער געבורטס=שטאָדט, זײַט איהר געווען אַזוי גוט מיר אויך צו ענטפֿערן מיט אַ פֿרײַנדליכען גרוס, וועלכער איז פֿאַר מיר אַזוי טײַער און ליעב. טאָקי דאָס האָט מיר איצט צוגעגעבען מוט און ענטשלאָסענהייט זיך צו ווענדען צו אײַך פּערזענליך מיט אַ בריעף.

איך מוז אײַך זאָגען, געעהרטעסטע פֿרײַלין ראָזענשטײַן, אַז די עטליכע וואָכען וואָס איך האָב פֿערבראַכט בײַ מײַן מוהמע אין אײַער געבורטס=שטאָדט, וועלען פֿאַר מיר אויף עביג בלײַבען טײַער, דען זיי האָבען מיר געגעבען די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט אײַך. ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט, טאָמער וועט איהר אויף מיר בעז ווערען און טאָמער וועט איהר מײַנע ווערטער האַלטען פֿאַר פֿאַלשע קאָמפּלימענטען, וועלכע דאָס רוב פּוסטע יונגע לײַט האָבען ליעב צו רעדען צו פֿרויען, וואָלט איך אײַך אָפֿען אַרויסגעזאָגט, אַז איהר האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסען אײַנדרוק מיט אײַער פֿערשטאַנד, מיט אײַער אויפֿפֿיהרונג, מיט אײַער אַרט בענעהמען זיך און מיט אײַער גאַנצער ערשײַנונג. איך האָב אין אײַך געפֿונען יענעם פֿרויען=טיפּ, וועלכער האָט שטענדיג צוגעצויגען מײַן האַרץ, און וועלכען איך האָב מיר שטענדיג פֿאָרגעשטעלט אַלס דעם אידעאַל פֿון אַ פֿרוי.

ענטשולדיגט מיר, טײַערע פֿרײַלין, וואָס איך ערלויב מיר אַזוי פֿיעל, און גלויבט מיר, אַז איך רעד דאָ אָפֿענהערציג און ערנסט. איך מוז מיך פֿאָרלויפֿיג בעגנוגען דערמיט און דאַרף ניט מעהר שרײַבען. אויב איהר וועט זײַן אַזוי הויבמוטיג און מיר ענטפֿערן חאָטש אייניגע ווערטער, וועל איך האָבען אַ בעווייז, אַז איהר האָט מײַן בריעף פֿרײַנדליך עמפּפֿאַנגען. איך וועל מיך דאַן פֿיהלען אמת גליקליך, דען מײַן אײנציגער וואונש איז איצט צו ווערען אײַך דער בעסטער גוטער פֿרײַנד.

מיט דער גרעסטער אַכטונג

דוד [illegible].

14.

לובלין, דעם 1-טען יוני 1908.

בעסטער און געעהרטעסטער פֿרײַנד דוד פֿײַנבערג!

איך דאַנק אײַך זעהר פֿאַר אײַער ליעבענסווירדיגען בריעף. איך גלויב אײַך, אַז איהר רעדט אָפֿענהערציג און דעריבער וועל איך אויך רעדען מיט אײַך אָפֿען. איך מוז מיך מודה זײַן, אַז איהר האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען אײַנדרוק, און פֿון זינט איך האָב זיך מיט אײַך בעקאַנט, האָב איך וועגען אײַך פֿיעל געקלערט: וועגען אײַערע אַנשויאונגען און אַרויסגעזאָגטע מיינונגען בנוגע צו פֿערשיעדענע לעבענספֿראַגען, וועגען דעם, ווי איהר קאָנט זיך שיין האַלטען אין אַ געזעלשאַפֿט און פֿיהרען אינטערעסאַנטע געשפּרעכען, וועגען אײַער בילדונג און קענטניש א. ז. וו.

דעריבער וועל איך מיך ניט שעמען זיך מודה צו זײַן אָפֿען, אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָב איך בעגעגענט אַזאַ מענשען ווי איהר, וועלכער פֿעראייניגט אין זיך די אַלע דערמאָהנטע און פֿיעל אַנדערע מעלות. צו זײַן בעפֿרײַנדעט מיט אַזאַ מענשען ווי איהר האַלט איך פֿאַר אַ גליק, און דעריבער נעהם איך גלײַך אָן אײַער פֿאָרשלאַג; און זײַענדיג זיכער אין אײַער פֿרײַנדשאַפֿט צו מיר, בעט איך אײַך אויך צו זײַן זיכער אין מײַן פֿרײַנדשאַפֿט צו אײַך, און מיר קאָנען פֿון הײַנט אָן פֿיהרען אַ עפֿטערע פֿרײַנדליכע קאָרעספּאָנדענץ.

שרײַבט מעהר און בעשרײַבט מיר, ווי איהר לעבט, ווי איהר פֿערברענגט אײַער פֿרײַע צײַט פֿון דער אַרבײַט, צי לייענט איהר שענע ביכער און וועלכע א. ז. וו. אַז איך וועל דערהאַלטען פֿון אײַך אַזאַ אויספֿיהרליכען בריעף, וועל איך אײַך אויך בעשרײַבען אויספֿיהרליך מײַן לעבען און מײַנע בעשעפֿטיגונגען, אויב דאָס וועט אײַך אינטערעסירען. פֿאָרלויפֿיג פֿערענדיג איך מײַן בריעף דערמיט און ווינש אײַך גליק.

איך בין נעכטען אָוועגד געווען בײַ אײַער מוהמע. זי וואונדערט זיך, פֿאַרוואָס איהר האָט איהר די לעצטע צײַט ניט געשריבען. אַלס איך האָב איהר געזאָגט, דאָס איך האָב פֿון אײַך דערהאַלטען אַ בריעף, האָט זי אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט: „אַהאַ!" וואָס דאָס האָט געהאַט צו בעדײַטען פֿערשטעה איך ניט. דאַן האָט זי מיך געפֿרעגט, צי איך וועל אײַך ענטפֿערן, און אַלס איך האָב איהר געענטפֿערט: יאָ, האָט זי מיך געבעטען צו גריסען אײַך אין איהר נאָמען.

צו קלערט איהר ניט אַמאָל אין גיכען ווידער צו בעזוכען אײַער מוהמע?

מיט פֿרײַנדשאַפֿט און עהרע

מרים ראָזענשטיין.

15.

פּלאָצק, דעם 4-טען יוני 1908.

טײַערסטע און געעהרטעסטע פֿרײַלין מרים!

אײַער בריעף, אויף וועלכען איך האָב אַזוי אונגעדולדיג געוואַרט, האָט מיך

האָבסט=גליקליך געמאַכט. איך האָב אַפילו געפֿיהלט, אַז איהר סימפּאַטיזירט מיט מיר, איך האָב דאָס דערקאָנט פֿון אײַער בעציהען זיך צו מיר די עטליכע וואָכען, ווען מיר פֿלעגען זיך אָפֿט טרעפֿען, דאָך האָב איך נישט געוואָגט צו האָפֿען, אַז איהר זענט צו מיר בעזונדערס געניגט; און אום זיך נישט אָבצונאַרען, האָב איך מיך בעמיהט זיך אײַנצורעדען, אַז איהר בעציהט זיך צו מיר אַלץ אײנס ווי צו אַלע אַנדערע. איצט, לויט ענענדיג אײַער בריעף, האָב איך זיך איבערצײַגט אין די ריכטיגקײַט פֿון דעם בעוואוסטען כלל: יעדעס שטאַרקעס געפֿיהל פֿון אײן זײַט רופֿט אַרויס אַזאַ ענליכעס געפֿיהל פֿון דער אַנדערער זײַט.

יאָ, טײַערסטע מרים, איצט נאָך אײַער אונשאַצבאַרען בריעף, וואָג איך מיך אַרויסצוזאָגען אײַך מײַן גאַנצעס הארץ, וועלכעס איז פֿול מיט שטאַרקע ליבעס=געפֿיהלען צו אײַך. איך האָב זיך אין אײַך פֿערליעבט גלײַך פֿון דעם ערשטען מינוט, ווי איך האָב אײַך דערזעהן, און וואָס מעהר איך האָב זיך מיט אײַך בעקאַנט, וואָס מעהר איך האָב זיך דערוואוסט אײַער כאַראַקטער, אײַערע אײגענשאַפֿטען, אײַער פֿערשטאַנד א. ז. וו., אַלץ מעהר האָב איך אײַך ליעב בעקומען.

אין די עטליכע וואָכען, וואָס איך בין געוועזען אין אײַער געבורטס=שטאָדט, וואו מיר פֿלעגען זיך אַזוי אָפֿט טרעפֿען, האָב איך געהאַט די מעגליכקײַט זיך מיט אײַך צו בעקענען. איך רעכען, אַז אין דער זעלבער צײַט האָט איהר שוין אויך בעוויזען זיך צו בעקענען מיט מיר אויף וויפֿיעל עס איז נויטיג, אום צו וויסען מײַן כאַראַקטער און מײַנע אײגענשאַפֿטען. איך האָב אונטער דער גאַנצער צײַט ביז הײַנטיגען טאָג זעהר פֿיעל געקלערט וועגען אײַך און איך בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז נאָר מיט אַזאַ מענשען ווי איהר וואָלט איך געקאָנט גליקליך דורכגעהן דעם לעבענס=וועג. אויך האָף איך, אַז איהר, אויף וויפֿיעל איך קאָן אײַך, וואָלט געקאָנט גליקליך זײַן מיט מיר. פֿאַר אַזאַ מענשען ווי איהר בין איך בערײַט צו ווידמען מײַן גאַנצען לעבען, אום אײַך גליקליך צו מאַכען. דעריבער נעהם איך מיר דעם מוט צו בעטען אײַער האַנד. טײַערסטע מרים! איך ליעב אײַך מיט די גאַנצע קרעפֿטען פֿון מײַן הארץ. איך פֿיהל, אַז איך וועל אָהן אײַך נישט קאָנען לעבען. אויב איהר ליעבט מיך אויך כאָטש עטוואָס, — פֿערטרויעט אײַער שיקזאַל מיט מײַנעם און איך האָף, אַז מיר וועלען בײדע גליקליך זײַן.

טײַערסטע מרים! איהר פֿרעגט מיך, צי איך רעכען נישט אין גיכען ווידער צו בעזוכען מײַן מוהמע? — דאָס ווענדט זיך אָן אײַער ענטפֿער: אויב איך וועל בעקומען פֿון אײַך אַ גליקליכען: „יאָ", וועל איך וואָס שנעלער קומען צו זעהן זיך מיט אײַך און בעטען אײַער האַנד בײַ אײַער פֿאָטער, וועלכער וועט געוויס נישט געגען קענען אײַער ווילען. איך ערוואַרט דעריבער אײַער ענטפֿער אונגעדולדיג און פֿערהאָף, אַז ער וועט נישט פֿערשפּעטיגען און וועט מיר ברענגען מײַן פֿאָלשטענדיגען לעבענס=גליק.

פֿאָרלויפֿיג, וואַרטענדיג אויף אײַער ענטפֿער, בין איך אַזוי אויפֿגערעגט, אַז איך בין נישט אימשטאַנד צו ערפֿילען אײַער בעטע, צו בעשרײַבען אויספֿיהרליך מײַן אַרט

לעבען. אויב מיר וועלען זיך אין גיכען זעהן, וועלען מיר ביידע מונדליך דערצעהלען איינער דעם צווייטען אלץ, וואס וועט אונז אינטערעסירען.

מיט ליעבע און אונגעדולד

דוד פיינבערג.

16.

לובלין, דעם 10-טען יוני 1908.

טייערסטער בעסטער פריינד דוד!

איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, וואס איך האב אייך אזוי לאנג געצוואונגען צו ווארטען אויף מיין ענטפער. איך שטעל מיר פאר, ווי אונגעדולדיג איהר זענט געוועזען און ווי איהר האט פערבראכט די טעג, ווארטענדיג אויף מיין ענטפער. איך ווייס גאנץ גוט, אז איך האב געטהון שלעכט, לאזענדיג אייך ווארטען אזוי לאנג; אבער וואס זאל מען טהון, איהר דארפט דאך אליין פערשטעהן, אז צו בעשליעסען אזא זאך, פון וועלכער עס ווענדט זיך דאס גאנצע קינפטיגע לעבען, איז זעהר שווער. דעריבער האב איך די טעג פערבראכט נישט אין קיין בעסערען צושטאנד ווי איהר. פון איין זייט האב איך געפיהלט, אז איך ליעב אייך ווי איהר מיך, אז איך וועל נישט זיין אים שטאנד אייך צו ענטפערן: „ניין“, בפרט נאך, אז איך האב נישט להלוטין קיין סבה צו ענטפערן: ניין; פון דער אנדערער זייט אבער האב איך זיך געוואלט בעקלערען, בעטראכטען אויספיהרליך אייער לאגע, אייער חאראקטער, אייערע איינענשאפטען, אום צו זעהן, צי פאסען מיר איינער פארן צווייטען? צי וועלען מיר צוזאמען קאנען לעבען גליקליך?

איך האב דעריבער די לעצטע טעג זעהר, זעהר פיעל געקלערט וועגען אייך, ווי אויך וועגען זיך. סוף כל סוף האב איך אבער דערפיהלט, אז מיין גאנצעם טראכטען איז אומזיסט און איבעריג, ווייל איך ליעב אייך צופיעל און איך קאן אייך נישט ענטזאגען. איך איל מיך דעריבער צו שרייבען און בעטען אייך: קומט צו פאהרען צו אונז, וועלען מיר זיך נאך אמאל זעהן, זיך בעסער בעקענען איינער מיט'ן צווייטען, און אויב מיר פאסען ווירקליך איינער פאר'ן צווייטען לויט אונזערע חאראקטערען, וועלען מיר נישט געפינען קיינע שטערונג צו פעראייניגען אונזערע ביידענס לעבען און אינם. איך רעכען אויך ווי איהר, אז מיינע עלטערן וועלען גארנישט האבען קעגען אונזער ווילען, דען זיי האבען מיך זעהר ליעב, און מיין גליק איז זייער גליק.

אלזא קומט צו פאהרען וואס גיכער.

די אייך אמת-ליעבענדע

מרים ראזענשטיין.

IV חָתָן-כַּלָּה-בְּריעף.

17.

לוצק, דעם 20-טען יולי 1908.

מיין טייערסטע, ליעבסט מרים!

איך איל דיר צו שרייבען, חאטש איך בין נאר וואס געקומען צו פאהרען און בין נאך זעהר מיעד פון וועג. דעריבער וועט מיין בריעף איצט זיין גאנץ קורץ, דען איך וויל דיר נאר מעלדען, אז איך בין געקומען צו פאהרען בשלום אהיים און דיר בעטען, אז דו זאלסט מיר אויך גלייך ענטפערן און מיר שרייבען אלע טאג חאטש עטליכע ווערטער, כדי איך זאל שטענדיג וויסען וואס עס הערט זיך ביי דיר.

טייערע מרים! אלס איך בין פון דיר אוועקגעפאהרען נאך די עטליכע וואכען וואס איך האב פערבראכט ביי אייך אין הויז, וואו איך האב גענאסען אזוי פיעל גליק, זייענדיג מיט דיר צוזאמען, — האב איך פלוצלונג דערפיהלט א שטארקע בענקשאפט נאך דיר. דעם גאנצען וועג האב איך זיך געפיהלט זעהר שלעכט, ריכטיג ווי איך וואלט עפעס פלוצלונג פעראיינזאמט געווארען. איך ווייס נישט, ווי איך וועל קאנען לעבען אהן דיר די גאנצע צייט, ווען מיר וועלען מוזען בלייבען געשיידט, ביז מיר וועלען זיך אויף עביג פעראייניגען. ליעבע מרים! איך ווארט אויף יענע צייט אונגעדולדיג, און חאטש זי איז א גאנץ קורצע, דען זי איז בעשטימט געווארען אויף צוויי מאנאטען ארום, דאך וועט זי מיר שיינען ווי אן אייביגקייט.

איך בעט דיך דעריבער, טייערע מרים'ל, מיך נישט פערגעסען און אונבעדינגט מיר שרייבען טאג טעגליך. אויך איך וועל דיר שרייבען אלע טאג און וועל דיר דערצעהלען אלץ וואס איך לעב איבער, וואס איך קלער, וואס עס קומט פאר ביי מיר א. ז. וו. דען איצט, ווען איך בין אזוי גליקליך דיך צו האבען פאר מיין אויסערוועהלטע, וויל איך פאר דיר נישט האבען קיינע סודות. איך וועל דיר אין מיינע בריעף אויסזאגען מיין גאנץ הארץ, ענטדעקען מיין גאנצע נשמה, כדי מיין לעבען זאל ווערען דיין לעבען, און דיין לעבען — מיינס.

זיי געזונד, מיין טייערסטע, לייב גליקליך און דענק וועגען דיין דיך הייס-ליבענדען

דוד.

18.

לובלין, דעם 22-טען יולי 1908.

ליעבסטער, טייערסטער דוד!

אין דיין בריעף האסטו צו'ם בעסטען אויסגעדריקט נישט נאר דיין שטימונג, נאר אויך מיינע, אויך איך פיהל מיך זעהר שלעכט פון נאך דיין אוועקפאהרען. איך בין שוין אזוי צוגעבונדען געווארען צו דיר, אז עס איז מיר שוין שווער צו לעבען אליין אהן

דיר, די איינציגער טרייסט מיינע איז, וואָס דאָס וועט נישט דויערן לאַנג. עס וועלען אַריבערגעהן אַ צוויי מאָנאַטען, און דאַן וועט ענדליך קומען דער טאָג, וואָס וועט אונזערע ביידענס לעבען פערא‍ייניגען אין איינס; פון דעמאָלט אָן וועלען מיר שוין לעבען ביידע צוזאַמען און וועלען זיך שוין קיינמאָל נישט שיידען; פון דעמאָלט וועלען מיר טיילען איינער מיט'ן צווייטען אונזערע שמחות און ליידען, פריידען און שמערצען, און מיין שוקזאָל וועט זיין דיינער און דיינער מיינער —. אָ, ווי איך וואַרט אויף יענעם טאָג!

דערווייל געהט מיר אַריבער די צייט אין קלערען און טראַכטען וועגען דיר. איך נעה אַרום אָדער איך זיץ שטיל אויף דער סאָפע וואו מיר פלעגען זיצען ביידע צוזאַמען און דערמאָהן זיך אַלע קליינינקייטען און איינצעלהייטען פון דער צייט, ווען מיר האָבען פערבראַכט ביידע צוזאַמען. געדענקסט נאָך יענע וואונדער־שעגע אָווענדען, ווען, מיר האָבען לאַנג לאַנג ביידע אַרומגעשפּאַצירט אין גאָרטען און גערעדט און אויסדערצעהלט איינער פאַר'ן צווייטען אונזערע טרוימען, אונזערע געדאַנקען און געפיהלען, — געדענקסטו נאָך, ווי זיס יענע אָווענדען זענען געווען, ווי גליקליך מיר האָבען זיך דעמאָלט געפיהלט? געדענקסטו נאָך?...

איצט שפּאַציער איך אַליין אויף די אַלע ערטער, שוין אָהן דיר, און נישט האָבענדיג דיך נעבען מיר, בעמיה איך זיך צו דערמאָהנען אַמוועניגסטענס דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבען אויף די זעלבע ערטער איבערגעלעבט ביידע צוזאַמען. די בעסטע צייט אין טאָג איז דאַן, ווען איך דערהאַלט דיין בריעף און איך שרייב צו דיר. מיר שטעלט זיך דעמאָלט פאָר, ווי דו וואָלסט געווען נעבען מיר און דו וואָלסט צו מיר גערעדט מיט דיין זיסען קול דיינע שענע און קלוגע ווערטער, ווי דו ביזט געוואוינט, און איך ענטפער דיר. דעריבער וועל איך דיר טאַקי שרייבען אַלע טאָג, און זעה געדענק, דו זאָלסט אויך קיין טאָג נישט פערגעסען צו שרייבען האָטש אַ פּאָר ווערטער.

דיין דיך עביג־ליעבענדע

מרים.

19.

פלאָצק, דעם 6־טען דעצעמבער 1908.

ליעבע, טייערע מרים!

ענדליך, ענדליך שרייב איך דיר דעם בריעף, אויף וועלכען דו האָסט שוין ווי לאַנג אונגעדולדיג געוואַרט. טראָץ דעם בעשלוס בשעת אונזערע תנאים צו מאַכען אונזער חתונה גלייך און צוויי מאָנאַטען אַרום נאָך די תנאים, איז דאָך די חתונה אַלץ ווייטער און ווייטער אָבגעלעגט געוואָרען, צוליעב פערשידענע סבות, און דער עיקר דערפאַר, ווייל איך האָב פּלוצלונג פערלאָרען די שטעלע, וועלכע איך האָב געהאַט, און בין געבליבען אָהן פערדינסט. אמת, דאָס האָט אונז נישט געקאָנט שטערען זיך ווייטער צו ליעבען אַזוי ווי פריהער, דען די ליעבע ווייס נישט פון קיינע

געלד-רעכנונגען; אָבער דאָך האָבען מיר אונזער חתונה געמוזט אָבלעגען, ביז איך וועל ווידער געפינען אַ גוטע שטעלע, וועלכע זאָל מיר געבען די מעגליכקייט צו ערנעהרען זיך און מיין קינפטיגע פרוי. מען האָט מיר אַפילו ביז איצט פאָרגעלעגט פערשוועדענע שטעלעס, ווי איך האָב דיר שוין געשריבען, אָבער איך האָב זיי געפונען פאַר נישט פאַסענד פאַר מיר, און איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל זיך סוף כל סוף דערוואַרטען אויף עפּעס בעסערס. איצט, טייערע מרים, שרייב איך דיר, אַז די טעג האָב איך שוין ווירקליך בעקומען אַ גוטע שטעלע מיט אַ שיין געהאַלט. איצט, ליעבסטע מרים, האָבען מיר שוין נישט וואָס לענגער צו וואַרטען; איך בין פאָלשטענדיג בערייט צו פייערן אונזער חתונה ווי מעגליך שנעלער. אויב ביי דיר איז אויך נישטאָ קיינע מניעות, שרייב מיר, וועלכען טאָג ווילסטו בעשטימען און די נעכסטע וואָכען, דעם טאָג, וואָס וועט אונז פעראייניגען אויף עביג און וועט אונז גליקליך מאַכען.

איך וואַרט אויף דיין ענטפער אונגעדולדיג. איך האָף, אַז דער טאָג, וואָס דו וועסט בעשטימען, וועט זיין ווי צו'ם נייסטען.

דיין קינפטיגער ליעבענדער מאַן

דוד.

20.

לובלין, 8-טען דעצעמבער 1908.

טייערסטער דוד!

איך דאַרף דיר נישט שרייבען און פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן אייגדרוק דיין לעצטער בריעף האָט אויף מיר געמאַכט. איך רעכען, אַז דו וועסט אַליין גאַנץ גוט פערשטעהן מיינע געפיהלען און מיין האַרץ. ענדליך, ענדליך!

איך שרייב דיר איצט גאַנץ קורץ, דען איך בין צופיעל אויפגערעגט, מיין האַרץ איז צופיעל איבערפילט פון ליעבע, פריידע, האָפנונג, אַז איך זאָל דיר איצט קאָנען שרייבען באַריכות.

איך האָב זיך שוין מישב געווען מיט מיינע עלטערן, און עס איז געבליבען צו בעשטימען אונזער חתונה=טאָג אין צוויי וואָכען אַרום, דעם 22=טען דעצעמבער. דיזע פאַר וואָכען מוזען מיר נאָך וואַרטען, ווייל עס זענען נויטיג אייניגע קליינע הכנות, אָהן וועלכער מען קאָן זיך נישט בעגעהן. אָבער איצט וועט אונז שוין נישט זיין אַזוי שווער איבערצוּוואַרטען די עטליכע טעג, ווען מיר וועלען שוין וויסען, אַז דאָס זענען די לעצטע טעג פון אונזער לעבען בעזונדער, צעשיידט. דאַן וועט שוין קומען אונזער טאָג!..

זיי געזונד, דוד. איך קאָן דיר איצט מעהר נישט שרייבען.

דיין קינפטיגע טרייע פרוי

מרים.

V אײַנלאַדונגס־בריעף.

21.

קיעוו, 10־טען אפּריל, 1908.

בעסטער פֿרײַנד!

עס איז געקומען אַ צײַט, ווען דו קאָנסט מיר ווײַזען, ווי ווײַט דײַן פֿרײַנדשאַפֿט צו מיר איז און ווי ווײַט דו געדענקסט מיך: בײַ מײַן עלטערן זוהן ווערט אין צעהן טעג אַרום זײַן חתונה מיט מזל. דו ביזט מיר פֿערגעבענט פֿון די ערשטע געסט. אַלזאָ מאַך זיך רײַזעפֿערטיג, די חתונה ווערט זײַן אין מינסק. ווען מיר וועלען אַרויספֿאָהרען, וועל איך דיר טעלעגראַפֿירען. דו וועסט קומען אויף דער באַהן און וועסט מיט אונז מיטפֿאָהרען.

דײַן פֿרײַנד משה זאַלצמאַן.

22.

וויטעבסק, 6־טען מאי. 1908.

בעסטער פֿרײַנד!

אונזער ליעבע טאָכטער ווערט מיט מזל אַ כלה. דעם קינפֿטיגען דינסטאָג ווערט זײַן תנאים; אַלזאָ בעטען מיר אײַך אונז צו בעעהרען מיט אײַער ערשײַנען צו אונז און אַנ׳אַנטייל נעהמען אין אונזער הויז־יום־טוב.

אײַערע פֿרײַנד, וועלכע זענען בערייט אײַך מיט דאָס זעלבע צו דינען צו יעדער צײַט זלמן און חוה שניאורסאָן.

23.

טײַערע געליעבטע עלטערן!

מיט גרויס שמחה בין איך אײַך מודיע, אַז הײַנט 7 אוהר אין דער פֿריה איז זוגתי היקרה בשלום איבערגעקומען און האָט געבאָרען אָהן עין הרע אַ געזונדט יינגעל. די יולדת און דאָס קינד זענען פֿאָלקאָם געזונד. דעריבער בעט איך אײַך טײַערע עלטערן, איהר זאָלט אַזוי גוט זײַן קומען צו פֿאָהרען צו אונז אויף דעם אַנדערען דאָנערשטאָג אויפֿ׳ן ברית פֿון אײַער עניקעל. אַ קוואַטער ווערט זײַן מײַן שוועסטערקינד אַהרן, און אַ קוואַטערין ווערט זײַן אונזער דבורה׳קה, וועלכע איך בעט אײַך מיט זיך מיטנעהמען. אין דער האָפֿנונג, אַז איהר ווערט געוויס ערפֿילען מײַן בקשה, בלײַב איך אײַער עבינ־ליעבענדער זוהן משה זילבערשטיין.

24.

טײַערער פֿרײַנד!

מאָרגען איז מײַן געבורטס־טאָג. אויף מאָרגענדיגען אָוועגד לאַד איך אײַן מײַנע בעסטע פֿרײַנד, זיך צו בעטייליגען אין מײַן שמחה. איך האָף, אַז דו וועסט נישט פֿעהלען צווישען זיי, דען דו ביזט דאָך איינער פֿון מײַנע בעסטע פֿרײַנד.

דײַן דיך ערוואַרטענדער פֿרײַנד מאיר שענפֿינקעל.

VI גראַטולאַציאָנס-בריעף.

25.

וואַרשע, דעם 6-טען מערץ, 1908.

טייערער פריינד!

דיין פעדלאַבונגס-קאַרטע האָב איך ערהאַלטען מיט פרייד. מיך פרעהט עס זעהר צו וויסען, אַז דו טהוסט אַ גליקליכע פּאַרטיי... איך ווינש דיר און דיין געעהרטע כלה פּועל גליק און פערגנינגען. אויף דיינע תנאים האָב איך ליידער נישט געקאָנט קוּמען. דערפאַר וועל איך אויף דיין חתונה שוין מיט גאָטעס הילף אונבעדינגט זיין.

דיין פריינד

שלום בערמאַן.

26.

אָדעס, דעם 22-טען אויגוסט, 1908.

ליעבע, טייערע פריינדין!

זייענדיג אַזוי ווייט פון דיר, קאָן איך נישט ליידער האָבען דאָס פערגנינגען צו קוּמען צו דיר און דיין גליקליכען טאָג פון דיין חתונה און זיך העטיילינען אין דיין שמחה מיט דיר צוזאַמען. אָבער דער דאָזיגער טאָג פון דיין גליק איז אויך ביי מיר אַ יום-טוב, כאָטש מיר זענען אַזוי ווייט איינע פון דער צווייטער, און פון דערווייטען שיק איך דיר און דיין חתן די בעסטע הערצענס-ווינשע: לעבט גליקליך און צופריעדען איינער מיט'ן צווייטען און זאָל אייער צוזאַמען-לעבען זיין אַזוי ווי אייער חתונה-טאָג איין לאַנגער גרויסער יום-טוב. איך שרייב דיר דאָס מאָל בקצור, ווייל איך ווייס, אַז דיר וועט נישט ליגען אין זינען און אַזאַ טאָג צו לייענען לאַנגע בריעף.

דיין פריינדין

רחל זילבערשטיין.

27.

ליעבער ברודער!

דיין בריעף, אַז היי דיר איז מיט מזל געבאָרען געוואָרען אַ זוהן, האָט אונז אַלעמען זעהר ערפרייעט. מיר ווינשען דיר, דו זאָלסט איהם זוכה זיין צו ערציהען און נחת און אין פריידען, ער זאָל אויסוואַקסען אַ מענש, וועלכער זאָל זיין אַ כבוד און אַ פּאר פאַר דיר און פאַר אונזער גאַנצער פאַמיליע.

דיין ברודער

דוד פינקעלשטיין.

VII ביטע=בריעף.

28.

בעסטער פריינד!

איך קום צו דיר דאס מאל מיט א ביטע, און איך האף, אז דו וועסט מיר נישט ענטזאגען, חאטש דיר וועט עס קאסטען אביסעל מיה.

די מעשה איז אזוי: דו געדענקסט דאך מסתמא מיין עלטערן זוהן, וועלכער איז שוין איצט אלט 15 יאהר. איך האב זיך בעשלאסען איהם אבצושיקען אין א גרעסערע שטאדט ווייל דא ביי אונז קאן ער צו קיין רעכטען תכלית נישט קומען. ער איז אבי־סעל געבילדעט, שרייבט און רעכענט שען, און איך וואלט איהם וועלען אבגעבען אין א געשעפט אין דיין שטאדט. אזוי ווי איך אליין בין צופיעל פערנומען און איך קאן זיך גישט ארויסרייסען פון דער היים, און דערצו נאך בין איך נישט אזוי גוט בעקאנט אין דיין שטאדט און אהן דיין הילף וועל איך גאנץ ווייניג וואס קאנען אויפטהון, דעריבער געט איך דיר א זוך צו טהון צווישען דיינע בעקאנטע געשעפטען, צי דארפען זיי נישט אזא מין יונגעל. ער וואלט זיך די ערשטע צייט בעגנוגענט מיט גאנץ ווייניג, אבי ער זאל ווערען בעקאנט מיט'ן געשעפט. אויב דיר וועט זיך מאכען אזא מין געשעפט, זיי אזוי גוט און גיב מיר צו וויסען, וועל איך איהם ארויסשיקען צו אייך. איך בין דיר פארויס דאנקבאר פאר ערפילען מיין בקשה. דיין פריינד מיכאל זאקס.

29.

טייערסטער פריינד!

איך ווענדע מיך צו דיר מיט א ביטע און בין זיכער, אז דו וועסט מיר נישט ענטזאגען.

איך געפין מיך איצט אין א זעהר געדריקטער לאגע. עס קומט מיר געלד פון איינגע ערטער, אבער אומעטום האט מען מיר אבגעלעגט אויף א קורצע צייט שפעטער; און גראדע איצט האב איך איינגע נויטיגע אויסגאבען, וועלכע איך קאן נישט אבלעגען. איך בעט דיך דעריבער, מיר גלייך צוצושיקען 200 רובל, אלס גמלות חסד, וועלכען איך וועל דיר צוריקקעהרען מיט'ן בעסטען דאנק נישט שפעטער ווי אין א מאנאט ארום.

ערווארטענדיג אונגעדולדיג דיין ענטפער מיט'ן געלד, בלייב איך דיין עביג=געטרייער פריינד שמעון שווארצבארד.

30.

טייערער חבר!

איך האב צו דיר א שטיקל ביטע: אוועקפאהרענדיג פון ווארשע, האב איך פון איילעניש איבערגעלאזען אויף מיין געוועזענע וואהנונג איינגע זאכען, וועלכע איך האב איצט גאנץ נויטיג. זיי אזוי גוט און נעהם זיי אב; וועסט דויזען ברויף ווייזען דעם ווירט, וועט ער דיר אבגעבען מיינע זאכען, און שיק זיי מיר אין א פאסטיל־קע אויף מיין השבון. אבער זעה וואס שנעלער, דען איך דארף זיי נויטיג האבען. מיין וואהנונג, ווי דיר איז בעקאנט, איז געוועזען אויף טווארדע 57. איך האב דארט איבערגעלאזען 2 ביכער, אביסעל וועש און א ווינטער=מאנטעל. זעה שיק מיר זיי גלייך אב. דיין פריינד לעאן העלמאן.

VIII דאַנק=בריעף

31.

בעסטער פֿרײַנד!

צוזאַמען מיט דעם בריעף שיק איך דיר אַרויס די 300 רובל, וועלכע דו האָסט מיר אויסגעבאָרגט אין מײַן נויט. איך האָב קיין ווערטער נישט דיך צו בעדאַנקען פֿאַר דײַן גוטהאַרציגקײַט. דו קאָנסט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ גרויסע טובה דו האָסט מיר געטהון מיט די 300 רובל. דו האָסט מיך פשוט בײַ'ם לעבען דערהאַלטען. איך בין געוועזען זעהר פֿערענגט און האָב מיך נישט געהאַט צו וועמען צו ווענדען, און ווען נישט דו, ווייס איך טאַקי נישט, וואָס איך וואָלט געטהון.

אַלזאָ עמפּפֿאַנג איצט מײַן בעסטען דאַנק און פֿערזיכערונג און עביגער פֿרײַנדשאַפֿט און טרײַשאַפֿט צו דיר, און זײַ זיכער, אַז ווען דו וועסט זיך נאָר ווענדען צו מיר, אויב איך וועל דיר נאָר קאָנען אין עפּעס בעהילפֿיג זײַן, וועט קיין זאַך פֿאַר מיר נישט צו גרויס זײַן, אום דיר אָבצוצאָהלען און אָבצודאַנקען פֿאַר דער טובה, וואָס דו האָסט מיר געטהון.

דײַן טרײַער פֿרײַנד

ברוך הימעלפֿאַרב.

32.

געעהרטעסטער הערר!

איך נעהם מיר דעם מוט צו שרײַבען צו אײַך אײניגע ווערטער, חאָטש איהר געדענקט מיך שוין געוויס נישט און קלערט גאָרנישט וועגען מיר. דאָך אָבער פֿיליײַכט װעט איהר זיך דערמאָהנען אָן אַ יונגען מאַן, וועלכער איז בײַ אײַך געוועזען מיט אײניגע כאָנאַטען צוריק. פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אײַך האָט מיך מײַן בעקאַנטער חיים ווײַנבערג, און לויט זײַן ביטע האָט איהר מיר געגעבען אַ רעקאָמאָנדאַציאָנס=בריעף צו די היגע סוחרים. אײַער בריעף האָט געהאַט אַ זעלטענע ווירקונג, דען יעדער ווער עס האָט איהם איבערגעלייענט און געזעהן אונטערגעשריבען אײַער נאָמען, האָט זיך מיט מיר גלײַך פֿעראינטערעסירט, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָב איך שוין בעקומען אַ שטעלע, וואו איך האָב דעם ערשטען מאָנאַט געדינט אַלס פּראָבע. איך האָב מיך בעמיהט מיט אַלע קרעפֿטען צו אַרבײַטען פֿלײַסיג און עהרליך, אַזוי אַז אײַערע ווערטער, וועלכע איהר האָט וועגען מיר געשריבען, זאָלען בעשטעטיגט ווערען. איצט בין איך שוין פֿאָלשטענדיג צוגענומען אויף דער שטעלע און בעקום אַ שען געהאַלט, נאָר אַ דאַנק אײַך. דערויבער ערלויבט מיר, געעהרטעסטער העדר, אײַך אויסצודריקען מײַן בעסטען דאַנק; איך וועל קײנמאָל נישט פֿערגעסען די טובה, וואָס איהר האָט געטהון מיט מיר, און וועל אײַך שטענדיג דערמאָהנען צו'ם גוטען.

מיט דער גרעסטער אַכטונג און דאַנקבאַרקײַט

שלמה בערגמאַן.

IX רעקאמאנדאציאנס-בריעף.

33.

ווערטער העֶרר!

היערמיט האב איך די עהרע אייך מיטצוטיילען, אז דער איבערברענגער פון דיעזען בריעף, ה' משה פעלדמאן, האט געדיענט ביי מיר אין שניט-קראם איינציגע יאהר און האט זיין ארבייט ערפילט פארוואורפסלאז ער איז א פלייסיגער און געוויסענ-האפטער יונגערמאן. אונטער דער צייט, וואס ער האט געדיענט ביי מיר, האט ער זיך פערשאפט גרויסע געניטקייט און ערפאהרענהייט אין געשעפט, און אויב איהר ברויכט נאר בכלל צו האבען אינצט א מענשען אין אייער געשעפט, ווערט איהר געוויס קיין פאסיגערען פאר איהם נישט געפינען. איך וואלט איהם מיט פערגעניגען געהאל-טען ביי מיר אין געשעפט אויך אויף ווייטער, אבער ביי מיר קאן ער נישט דערגרייכען דעם תכלית, צו וועלכען ער קאן צוקומען אין א גרעסערער שטאדט, און אזא ווי צו'ם ביי-שפיעל אייערע. איך קאן איהם נישט העכערען דעם לויהן, און דעריבער, חאטש ער איז מיר זעהר נויטיג אין געשעפט, האב איך איהם אליין געראטען צו פאהרען אין איי-ער שטאדט, און אריינטרעטען אין א גרויס געשעפט. אזוי ווי מיר שטעהען פערבונדען אין געשעפטען און איך קאן אייך אלס א גוטען און פערשטענדיגען סוחר, רעקאמאנדיר איך אייך דיעזען יונגען מאן מיט דער פערזיכערונג, אז איהר ווערט אין איהם געפינען א מענשען לויט אייער וואונש.

מיט אכטונג

לעאן פערלמאן.

34.

טייערער פריינד!

דער איבערגעבער פון דיעזען בריעף איז א שניידער און זעהר א גוטער בעל מלאכה. ער האט מיר א קאסטיום גענעהט, און איך בין העכסטענס צופריעדען געבליבען פון זיין ארבייט. איהם פעהלט אבער אינצט ארבייט, ווייל ער וואהנט נאך נישט לאנג ביי אונז אין שטאדט און האט זעהר ווייניג בעקאנטע.

איהר קאנט איהם זעהר דרייסט אלערהאנד ארבייט געבען, דען ער וועט אייך צופריעדענשטעלען מיט זיין פינקטליכקייט און מיט דער ארבייט גופא.

מיט אכטונג

יהודה לייב גוטמאן.

X געשעפטס=בריעף.

35.

ווארשע, דעם 11־טען דעצעמבער, 1908.

זעהר געעהרטער הערר!

הירמיט האב איך די עהרע אייך מיטצוטהיילען, דאס איך האב ערעפענט הייער אין ווארשע פון אנפאנג דיעזען מאנאט אונטער דער פירמע „ש. גרינבערג עט קאמפ." א שוך=פאבריק, אין וועלכער מיר ארבייטען אויס פערשיעדענע סארטען מענער=און דאמען=שוך צום זומער=און ווינטער=סעזאן.

מיין פאכקענטניסע און פראקטיק אין דיעזער בראנזשע, ווי אויך דאס ציםליך היבשעס קאפיטאל, וועלכען איך האב אריינגעלעגט אין געשעפט, גיעבען מיר די מעגליכקייט מיין נייע ערעפענט געשעפט אויף א ריכטיגער און פעסטער גרונדלאגע אוועקצושטעלען, אזוי אז איך זאל קאנען העכסט צופריעדענשטעלען די געעהרטע קונדשאפט, וועלכע וועט מיר צוטרוי שענקען און קומען מיט מיר אין געשעפטליכע פערבינדונגען.

איך האף, דאס אויך איהר, געעהרטער הערר, וועט זיך ניט ענטזאגען צו בעעהרען מיך מיט אייערע בעשטעלונגען, וועלכע וועלען פון מיין זייט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט אויסגעפילט ווערען.

אכטונגספאל

ש. גרינבערג.

נ. ב. איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין, אויב איהר וועט אזוי פריינדליך זיין און רעקאמאנדירען מיין פירמע צווישען אייערע בעקאנטע סוחרים פון אונזער בראנזשע, וועלכע, איך קאן אייך פערזיכערן, וועלען אייך זייער דאנק אויסדריקען, נאכדעם ווי זיי וועלען מיט מיר אין פערבינדונג קומען.

הנ"ל.

36.

ווילנא, 10־טען סעפטעמבער, 1908.

הערין ש. פוינעלזאהן
אין סמארגאן:

געעהרטער הערר!

איך בעעהרע מיך אייך מיטצוטהיילען, דאס איך האב ערעפענט אין ווילנא א גרויסען מאנופאקטור=געשעפט פאר אנגרא. ביי מיר אין געשעפט בעקומט איהר א גאנץ גרויסען אויסוואהל פון אלע מאסקעווער, לאדזשער, טאמאשאווער, און ביאליסטאקער סחורות.

פון דעם בייגעלעגטען פרייזקוראנט קענט איהר זיך איבערצייגען, דאס אונזערע

פרײזען זענען בילינ, און ווען איהר וועט פערזוכען ביי מיר צו קויפען, וועט איהר גע־זעהן ווים העכסט צופריעדען בלייבען, ווייל איך האב נאר רעעלע ווארע פון די בעסטע פאבריקאנטען, און א גרויסעס לאגער, דערצו בעמיהע איך זיך מיינע קונדען גוט צובע־דינען. ווער עס קויפט ביי מיר איינמאל, בלייבט שוין מיין קונד שטענדיג.

איך האף, דאס איהר וועט מיך באלד בעעהרען מיט אייער אויפטראג.

האכאכטענד

ש. זילבערשטיין.

37.

ווארשע, 15-טען מאי, 1908.

העררן א. גרינבלאט

אין חארקאוו.

אייער אויפטראג האב איך ערהאלטען, פארוואס איך דאנק אייך זעהר. די גע־ווינשטע ווארע האב איך אייך היינט לויט מוסטער ארויסגעשיקט. איך בין איבערצייגט, דאס איהר וועט אויך דיעזעס מאל זיין צופריעדען מיט די ווארע, ווייל ווי איהר ווייסט, פיהרען מיר נאר די בעסטע סארטען און בעמיהען זיך אימער צופריעדענשטעלען אונזע־רע קונדען אויפ'ן בעסטען ארט.

איך שיק אייך דערביי די באהנקוויטונג ווי אויך א רעכנונג אויף די ארויסגעשיק־טע ווארע און ערווארטע אייערע וויטערדיגע אויפטרעגע.

האכאכטענד

מ. ריבקין.

38

קיעוו, דעם 20 יולי, 1908.

העררן בארים שפיעגעלמאן

אין ווארשע.

געעהרטער העור!

היינט האבען מיר דורך דער באהן אונזער בעשטעלונג ערהאלטען, ליידער זענען מיר מיט די ווארע נישט צופריעדען: נישט די קוואליטעט, נישט די פארבען זענען די זעלבע, וועלכע מיר האבען געפאדערט, מיר קאנען די סחורה ניט פערברויכען, דערי־בער זענען מיר געצוואונגען די סחורה רעטור שיקען. מיר בעטען אייך באלד נאכ'ן עמפפאנג פון דיעזען בריעף, אונז זאפארט צו בעזארגען מיט אנדערע ווארע לויט אונ־זער פאדערונג. זעהען זיי גוט נאך אונזער בעשטעלונג פון דעם 1-טען דיעזען מאנאט, וועלען זיי זיך גענוי ערקונדיגען, וועלכע ווארע מיר פאדערען.

מיר האפען, דאס איהר וועט אונזער ביטע באלד ערפילען, כדי מיר זאלען דער־ווייל ניט פערלירען דעם כדיון פון אייערע ארטיקלען, וועלכע מיר ברויכען שוין אזוי האבען.

צו'ם סעזאָן וועט אונזער הערר זיין אין ווארשע און וועט וואהרשיינליך בײַ אײַך אַ גרעסערע בעשטעלונג מאַכען.

ערוואַרטענדיג אײַער באַלדיגען אַנטוואָרט, צייכנען מיר

אַכטונגספאָל

פ. פ. *) מ. זלקינד עט קאָמפּ.

מ. הורוויטש.

---

*) פ. פ. — פער פּראָקוראַ, וואָס הייסט אויף ליטיין: „דורך שטעלפערטרעטונג".

39

פינסק, דעם 25 פעברואַר, 1908.

העררן ב. שמואלזאָהן

אין מאַזיר.

מיך וואונדערט זעהר, וואָס איך האָב פון אײַך אַזוי לאַנג קיין בעשטעלונג ניט גע־האַט. איך רעכען, דאָס דעם פאָריגען טראַנספּאָרט וואַרע האָט איהר שוין געוויס אויס־פערקויפט און איהר ברויכט שוין איצט געוויס אַנדערע וואַרע.

מיר איז איצט אָנגעקומען פון אויסלאַנד פרישע סחורה, עכט מאָדערנע און ספּ־זאָרטע. איך בין איבערצייגט, דאָס איהר וועט אין זיי אַ גרויסען געברויך האָבען. איך האַלט אייך ראַטהען זאָפאָרט צו איינציגע שטיק פון יעדען מין אַלס פּראָבע צו צייכנען.

איך ערוואַרטע דעריבער אײַער באַלדיגען אַנטוואָרט צוזאַמען מיט אַ בעשטעלונג, און צייכנע

אַכטונגספאָל

מ. פרידמאַן.

40.

לאָדז, דעם 1-טען נאָוועמבער, 1908.

העררן נ. פּאָליאַקעוויטש

בערדיטשעוו.

אײַער וועקסעל אויף דער סומע 200 רובל, צאַהלבאַר דעם 20-טען פאָריגען מאָנאַט, איז צו אונזער גרעסטען בעדויערען פּראָטעסטירט געוואָרען. אונז וואונדערט זעהר, ווי אַזוי איהר האָט דערלאָזען אײַער וועקסעל צו פּראָטעסט. מיר גיבען אײַך דע־ריבער אַכטאָג צייט צו ברענגען די זאַך אין אָרדנונג. אויב מיר וועלען ביז'ן 8-טען ד. מ. נישט ערהאַלטען פון אײַך דאָס געלד צוזאַמען מיט די פּראָטעסט-קאָסטען (4 רובל 50 קאָפּ) וועלען מיר זיין געצוואונגען מאָנען אונזער געלד געריכטליך.

מיר ווילען אָבער האָפען, דאָס איהר וועט נישט דערלאָזען אונז צו אונאַנגע־נעהמליכקייטען און צו מאַכען איבריגע קאָסטען און איהר וועט באַלד די זאַך ערלעדיגען.

ערוואַרטענדיג אײַער באַלדיגע תשובה, צייכנען מיר

האָכאַכטונגספאָל

ב. בלום עט קאָמפּ.

וואַרשע, דען 4־טען אַפּריל 1908.

מ. פרידמאַן עט קאָמפּ.

וואַרשע

נאַלעווקי שטראַסע № 38.

ניעדערלאַגע

פון פערשיעדענע

גאַלאַנטעריע־וואַרען

רעכנונג

פאַר העררן ב. שפּירא

אין חאַרקאָוו.

№	דוצענד	וואַרע	פּרייז ר. ק.	ברוטאָ ק'	ברוטאָ רובל	נעטאָ ק'	נעטאָ רובל	בעטראַג ק'	בעטראַג רובל
223	7	הערען־היט	30,—		210				
223/1	4	דיטאָ	25,—		100				
110/12	5	דיטאָ	27,50	50	137				
15½/1	3	האַנדשוה	12,—		36				
80	3	דיטאָ	15,50	50	46				
				00	530				
		אָב 10%			53				
							477		
		עקספּעדיציע				10	1		
								10	478

ראשי־תבות.

איני־ציאַלען, (פערקירצטע ווערטער), וועלכע ווערען אָפט בענוצט אין זשאַרגאָן.

א. א. וו. = און אזוי ווייטער,
א. ד. ג. = און דאָס גלייַכען.
א"ח = אִסְרוּ חַג. (מאָרגען נאָך יום טוב.)
אי"ה = אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם. (אז גאָט וועט וועלען.)
א. נ. = אָדוֹן נִכְבָּד. (געעהרטער הער.)
ב"ה = בָּרוּךְ הַשֵּׁם. (געלויבט איז גאָט.)
בל"נ = בְּלִי נֶדֶר. (ניט פעסט פערשפּרעכענד.)
בס"ה = בְּסַךְ הַכֹּל. (אין גאַנצען, די גאַנצע סומע.)
בע"ה = בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם. (מיט גאָטעס הילף.)
בעה"ב = בַּעַל הַבַּיִת. (דער הויז־ווירטה.)
בעוה"ר = בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים. (איבער אונזערע פיעל זינד.)
ג"כ = גַּם כֵּן. (אויך, דאָס גלייכען.)
ג"ח = גְּמִילוּת חֶסֶד. (א טובה, עטוואָס בארגען.)
ג"ע = גַּן עֵדֶן.
ד. ה. = דאָס הייסט.
דו"ש = דוֹרֵשׁ שְׁלוֹמוֹ. (זיין גליק ווינשער.)
הבע"ל = הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. (וואָס קומט מיט גליק.)
הנ"ל = הַנִּזְכָּר לְמַעְלָה. (וועלכער איז אויבען ערמאָנט.)

הוש"ר = הוֹשַׁעְנָא רַבָּא. (דער זיבעטער טאָג סוכּות.)
השי"ת = הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.
ז"ל = זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. (געבענשט איז זיין אנדעקטנג.)
חוה"מ = חוֹל הַמּוֹעֵד.
חוהמ"פ = חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח.
חוהמ"ס = חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת.
ח"ו = חַס וְשָׁלוֹם. (גאָט זאָל היטען.)
ח"נ = חָכָם וְנָבוֹן. קלוג און פערשטאַנדיג.)
ח"מ = חָתוּם מָטָּה. דער אונטערשרייבענדער.)
טו"מ = טַעֲנָה וּמַעֲנָה. (פּראָטעסטזיעס.)
יו"ט = יוֹם טוֹב.
יו"כ = יוֹם כִּפּוּר.
י"ש = יַיִן שָׂרָף. (בראַנפען, שנאַפּס.)
ימ"ש = יִמַּח שְׁמוֹ. (זאָל אויסגעמעקט ווערען זיין נאָמען.)
כל"ז = כְּלֵי־זֶמֶר. (מוזיקאַנטען.)
כ"ץ = כֹּהֵן צֶדֶק.
כש"ת = כְּבוֹד שְׁמוֹ תִּפְאַרְתּוֹ. (זיין נעהרטער נאָמען.)
למה"ש = לְמַעַן הַשֵּׁם. (אום גאָטעס ווילען.)
לע"ע = לְעֵת עַתָּה. (דערווייל, פאָרלויפיג.)

לפ"ק = לפרט קטן .(ציטרעכנונג.)

מכ"ז = מביא כתב זה. (דער ברענגער פון דיזען שריפט.)

מ"ס = מוכר ספרים. (בוכהענדלער.)

מ"ץ = מורה צדק. (א דין)

נ"י = נרו יאיר. (זיין ליכט זאל לייכטען=זאל לעבען.)

נ"ך = נביאים, כתובים. (צוויי טייל פון דער ביבעל.)

נ"נ = נאכנאהמע.

נ"ע = נשמתו עדן, (וועלכער געפינט זיך אין גן עדן.)

ס"ה = סך הכל.

סת"ם = ספר תורה, מזוזה.

עיו"ט = ערב יום טוב.

ע"כ = על כן. (דריבער.)

ע"נ = עגמת נפש. (פערדרוס, ערגער.)

עצהיו"ט = על צד היותר טוב. (אויף בעסטען ארט.)

עשי"ת = עשרת ימי תשובה. (10 טעג פון ר"ה ביז יו"כ.)

פא"פ = פנים אל פנים. (פערזענליך.)

צבע"ח = צער בעלי חיים. (דאס ליידען פון לעבעדיגע בעשעפעניש.)

צב"ש = צום ביישפיעל.

ק"ק = קהלה קדושה. (הייליגע געמיינדע, שטאדט-לייט.)

ק"ן = הונדערט פופציג.

ר"ל = רחמנא ליצלן. (גאט זאל שיצען.)

ר"ה = ראש השנה.

ר"ח = ראש חדש. (דער ערשטער טאג אין מאנאט.)

רח"ש = רב, חזן, שמש.

ש"ב = שאר בשר. (פריינד, קרוב.)

שט"ח = שטר חוב. (שולד-צעטעל, וועכסעל.)

שמ"עצ = שמיני עצרת. (דער אכטער טאג סוכות.)

ש"ץ = שליח-צבור. (חזן.)

ש"ת = שבת תשובה. (דער ערשטער שבת נאך ר"ה.)

תומ"י = תכף ומיד. (אפפארט, באלד.)

תנ"ך = תורה, נביאים, כתובים. (דריי טייל פון דער ביבעל.)

בוכשטאבען אלס ציפער.

א	1	י"א	11	ל	30	ת	400	כ"א	21
ב	2	י"ב	12	מ	40	ת"ק	500	כ"ב	22
ג	3	י"ג	13	נ	50	ת"ר	600	כ"ג	23
ד	4	י"ד	14	ס	60	ת"ש	700	ל"ד	34
ה	5	ט"ו	15	ע	70	ת"ת	800	מ"ה	45
ו	6	ט"ז	16	פ	80	תת"ק	900	נ"ו	56
ז	7	י"ז	17	צ	90	תת"ר	1000	ס"ז	67
ח	8	י"ח	18	ק	100	תת"ש	1100	ע"ח	78
ט	9	י"ט	19	ר	200	תת"ת	1200	פ"ט	89
י	10	כ'	20	ש	300	תתת"ק	1300	צ"ג	93

די נעמען פון די סדרות.

די וואָכען פון יאָהר ווערען געצעהלט נאָך די סדרות פון דער תורה.

א) ספר **בְּרֵאשִׁית** (ענטהאלט 12 סדרות)

- א) בְּרֵאשִׁית.
- ב) נֹחַ.
- ג) לֶךְ לְךָ.
- ד) וַיֵּרָא.
- ה) חַיֵּי שָׂרָה.
- ו) תּוֹלְדוֹת.
- ז) וַיֵּצֵא.
- ח) וַיִּשְׁלַח.
- ט) וַיֵּשֶׁב.
- י) מִקֵּץ.
- יא) וַיִּגַּשׁ.
- יב) וַיְחִי.

ב) ספר **שְׁמוֹת.** (ענטהאלט 11 סדרות)

- י״ג) שְׁמוֹת.
- י״ד) וָאֵרָא.
- ט״ו) בֹּא.
- ט״ז) בְּשַׁלַּח.
- י״ז) יִתְרוֹ.
- י״ח) מִשְׁפָּטִים.
- י״ט) תְּרוּמָה.
- כ) תְּצַוֶּה.
- כ״א) כִּי תִשָּׂא.
- כ״ב) וַיַּקְהֵל.
- כ״ג) פְּקוּדֵי.

ג) ספר **וַיִּקְרָא.** (ענטהאלט 10 סדרות)

- כ״ד) וַיִּקְרָא.
- כ״ה) צַו.
- כ״ו) שְׁמִינִי.
- כ״ז) תַזְרִיעַ.
- כ״ח) מְצוֹרָע.
- כ״ט) אַחֲרֵי מוֹת.
- ל) קְדוֹשִׁים.
- ל״א) אֱמוֹר.
- ל״ב) בְּהַר.
- ל״ג) בְּחֻקּוֹתַי.

ד) ספר **בְּמִדְבַּר.** (ענטהאלט 10 סדרות)

- ל״ד) בְּמִדְבַּר.
- ל״ה) נָשֹׂא.
- ל״ו) בְּהַעֲלוֹתְךָ.
- ל״ז) שְׁלַח לְךָ.
- ל״ח) קֹרַח.
- ל״ט) חֻקַּת.
- מ) בָּלָק.
- מ״א) פִּינְחָס.
- מ״ב) מַטּוֹת.
- מ״ג) מַסְעֵי.

ה) ספר **דְּבָרִים.** (ענטהאלט 11 סדרות)

- מ״ד) דְּבָרִים.
- מ״ה) וָאֶתְחַנַּן.
- מ״ו) עֵקֶב.
- מ״ז) רְאֵה.
- מ״ח) שׁוֹפְטִים.
- מ״ט) כִּי תֵצֵא.
- נ) כִּי תָבוֹא.
- נ״א) נִצָּבִים.
- נ״ב) וַיֵּלֶךְ.
- נ״ג) הַאֲזִינוּ.
- נ״ד) וְזֹאת הַבְּרָכָה.

אנמערקונג.

די 5 חומשים ענטהאלטען 54 סדרות. יעדער שבת ווערט פארגעלייענט אין שול א סדרה. עס טרעפט אויך אז מען לייענט 2 סדרות פאר א מאל. דאָס פאסירט נאָר מיט די סדרות: „ויקהל–פקודי", „תזריע–מצורע", „אחרי מות–קדושים", „בהר–בחקותי" „מטות–מסעי", „נצבים–וילך".

מאי.

(זעה זײטע 62).

(מאָטיוו פֿון מ. קיפּניס).



דער קאנאריק.

(זעה זייטע 69)

(מאָטיוו פון מ. קיפּניס).



הערבסט־נאכט.

(זעה זייט 76).

(מעלאָדיע פון א. ב. בירנבוים).



איך שטעה ביי דעם וואלד.

(זעה זייטע 77).

מאָטיוו פון מ. קיפּניס).